YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv09i43

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 9 Issue 43
October 1927

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 9, Iss. 43)

Keywords

International Ladies’ Garment Workers’ Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies’ Garment Workers’ Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/415

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז, 6.) אין מיין גערעכטיג־קייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

גערעכטיגקייט

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן

Vol. IX. No. 43. Friday, October 28, 1927 פרייטאג, 28טער אקטאבער, 1927 PRICE 3 CENTS

די גאנצע מיטגלידערשאפט רופט זיך אפ מיט צוטרוי און ווארימקייט צום דיוס קאמפיין

קומענדע וואך וועט דער קאמפיין פארטגעזעצט ווערען מיט מעהר ברען און אימפעט.—יעדער ארבייטער וועט מוזען ערפילען זיין פליכט און ווערען א גוטשטעהענדיגער מעמבער. — וויס־פרעזידענט דובינסקי איז דער הויפט פון דער ספעציעלער קאמיטע פון ביזנעס־אייזשענטס און שאפ טשערלייט וואס פיהרט אן דעם קאנטראל „דרייוו“.

א נייע צייט איז איצט אין דער וועלט פון דער אינטערנעשאנאל, א נייער גייסט כאפט ארום אלע מיטגלידער פון דער אינ־טערנעשאנאל. דאס איז דער גייסט און געפיהל פון ברידערשאפט, פון אחדות און פון יוניאן באוואוסטזיין.

איבעראל, וואו נאר די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל האבען געלעבט אונטער דעם שרעקליכען קאמוניסטישען קאשמאר און פארטיי פארזונקענהייט און האבען זיך פריי געמאכט פון די פארער־טערישע משיחים און באטריגער, האט די ארגאניזאציע גענומען אויפלעבען. ברי־דער האבען דערקענט ברידער און שוועס־טער האבען שוועסטער דערקענט. זיי דערפיהלען אז די ארגאניזאציאן איז ווידער זייערע און דינט ניט מעהר א פארטיי, נאר אלעמענס אינטערעסען גלייך.

די אינטערנעשאנאל מיטגלידער הא־בען א שרעקליכע לעקציע געלערנט, א טייערע שכר למוד באצאהלט. און זיי זוכען איצט גוט צו מאכען, דאס געפיל פון ברידערשאפט ווערט שטארקער, דאס בא־וואוסטזיין פון אחדות און פאראנטווארט־ליכקייט צו דער ארגאניזאציע וואקסט.

ערוואכונג און אויפמונטערונג פילט זיך איצט אין דעם געזינדעל פון דער אינטער־נעשאנאל. די מיטגלידער ווערען דרייסטער און הויבען אויף די קעפ.

אט דעם באווייז נעמען מיר דערפון, פון דעם ענטפער וואס די מיטגלידער גי־בען אויף דעם רוף פון דיוס ווען דער ביזנעס אייזשענט קומט איצט אריין אין שאפ נאך דיוס איז אפילו דער געוועזענער פארביסענסטער בעגנער רעדט ניט מיט דעם לשון ווי מיט ערשט א קורצע צייט צוריק, ווען ער איז געווען אונטער דעם איינפלוס פון די ארויסגעווארפענע פאר־פיהרער פון אונזער ארגאניזאציע. פאר־קערט, מיט זייער ענטפער צייגען זיי, אז זיי ווילען אפוואשען דעם חטא וואס זיי זיינען באגאנגען געגען זייער אייגענער ארגאניזאציע.

דאס זיינען געווען די באריכטען פון די ביזנעס אייזשענטס אויף דעם סטעף מיטינג וואס איז לעצטען פרייטאג אפגע־האלטען געווארען אין קאונסיל רום פון דער אינטערנעשאנאל.

אויף דעם מיטינג פון דער דזשאינט באארד האט דזשענעראל מענעדזשער האכמאן געזאגט דאס זעלבע. ער האט

(שלוס אויף זייט 12)

לאק. 91 מופט אין נייעם אפיס אין אינטערנע־שאנאל בילדינג

פארנעמען ערשטען פלאר — פלאן פאר עקזעקוטיוו און שאפ מי־טינגס.

די ארגאניזאציע פון די טשילדרענס דרעססמייקערס, די הויז דרעס און באטה־ראוב מייקערס, לאקאל 91 פון דער אינ־טערנעשאנעל, וואס האט יאהרען לאנג געהאט אן אפיס אין פיפל'ס הויז, אויף דער 15טער סטריט, האט איצט ארי־בערגעמופט אין דער אינטערנעשאנעל בילדינג, 3 וועסט 16טע סטריט, וואו זיי וועלען פארנעמען דעם ערשטען פלאר.

דער נייער אפיס פון לאקאל 91 איז איצט איינער פון די שעהנסטע אפיסעס פון אונזערע ניו יארקער קלענערע לא־קאלען. דער פלאר איז צוטיילט אין פיר אפטיילונגען, איינער, פאר די פינאנץ אפיס; א צווייטער פאר דעם מענע־דזשער פון לאקאל, בר. הערי גרינבערג; א דריטער גרויסער רום, פאר די מי־טינגס פון עקזעקוטיוו באארד, און אויך פאר שאפ מיטינגען. א פערטער רום וועט דינען אלס א ווייטינג רום, און עס וועלען אויך קענען אפגעהאלטען ווע־רען שאפ מיטינגען.

וויס־פרעזידענט גרינבערג לאדעט איין אלע מיטגלידער פון לאקאל 91 צו קומען אנקוקען דעם נייעם אפיס, און, פאר איין וועג, שוין אויך באזוכען די אינטערנעשאנאל בילדינג, וועלכע פילע פון דעם איינגערען עלעמענט פון לא־קאל האבען ווארשיינליך אפילו קיינ־מאל ניט געזעהן.

פארצווייפעלטער קאמף פון קאמוניס־טישע סקעבס אין שיקאגא געבראכען

קירשבאום'ס שאפ, לעצטע קאמוניסטישע פעסטונג, געהט איבער צו דער אינטערנעשאנעל — יעדער וואס וועט וועלען ארבייטען אין שאפ וועט מוזען זיין אן אינטערנעשאנאל מיטגליד. — קאמוניסטען לאזען ארויס א ויצעקו ווענען א סטרייק אין קירשבאום'ס שאפ כדי צו קענען קלא־פען מיט זייערע „צדקה“ פושקעס — קלאוקמאכער מאכען געשרייען ביי דער קאמוניסטישער קליקע מען זאל זיי אומקעהרען זייערע דיוס. — באסעס זאגען, אז מען טאר זיך ניט נאריש מאכען און מען דארף אפ־היטען דעם אגרימענט מיט דער אינטערנעשאנעל.

עס לעבע די אינטערנעשאנעל! — אט דיזע באגריסונג טראגט זיך איצט מיט באגייסטערונג און מיט א טיפען עהרען־געפיהל צווישען די שיקאגאער אינטערנעשאנעל מיטגלידער.

עס איז ניט א געפיהל, וואס ערוועקט זיך אין א מאמענט פון עקסטאז, נאר עס קומט פון דער טיפער איבערצייגונג אז די אינטערנעשאנעל האט קאנטראל אי־בער דער סיטואציע. דאס איז געקומען דורך א ניכטערער אפשאצונג פון די רע־זולטאטען פון דעם אויפטו פון די קא־מוניסטען אין שיקאגא, פונקט ווי אין ניו יארק.

די קלאוקמאכער מאכען איצט קלאר זייער אייגענעם וועג. די ארגאניזאציע וועט איצט מוזען וואקסען מיט א גרוי־סער שנעלקייט. דער פאקט צייגט די לעצטע פאסירונג אין שיקאגא'ער קאמף מיט די אפיציעלע קאמוניסטישע יוניאן־ברעכער. די קאמוניסטישע לעצטע פעס־טונג, וואו זיי האבען נאך געהאט א שטיקעל קאנטראל, איז איצט איבערגע־גאנגען אין די הענט פון דער אינטער־נעשאנעל.

די ארבייטער פון דעם שאפ האבען אויסגעהאלטען זייער פראבע, אויף וועל־כער די יוניאן האט זיי געשטעלט. די יוניאן האט פארלאנגט פון איינעם א לינקען שניידער, וואס האט דארטען גע־ארבייט, אז ער זאל צאהלען דיוס. מען

(שלוס אויף זייט 12)

מארים פאלין ערוועהלט מענעדזשער פון פילאדעלפיער דרעסמייקערס, לאקאל 50

פאריגען דאנערשטאג האבען די מיט־גלידער פון לאקאל 50, דרעססמייקערס פון פילאדעלפיא, ביי א ספעשעל מיטינג, גע־רופען פאר דעם צוועק, גוטגעהייסען דעם באריכט פון דער עקזעקוטיוו באארד ווע־גען אנשטעלען ברודער מארים פאלען אלס מענעדזשער פון דער יוניאן. דער מיטינג איז געווען גוט באזוכט און דער באריכט איז אנגענומען געווארען מיט אן אונגעהויערער מאיאריטעט שטימען.

ברודער פאלין איז א מעמבער פון דער אינטערנעשאנעל פאר די לעצטע 11 יאהר, ער איז א לענגערע צייט געווען סעקרעטער פון דעם פילאדעלפיער דזש. באארד קלאוק מייקערס יוניאן און האט זיך אקטיוו באטייליגט אין דעם היסטא־רישען סטרייק פון 1913, ווען ער האט פארנומען דעם אמט פון סעקרעטער פון דער פיקעט קאמיטע. ער האט אויך גע־האלפען געווינען דעם ניט געסטרייקטען סטרייק פון 1914 און געהאלפען שאפען די גרויסע קלאוק מייקער יוניאן אין פילאדעלפיא. אין 1915 ווערט ברודער פאלין פארבונדען מיט דעם פילאדעל־פיער „פארווערטס“, פון וועלכען ער ווערט שפעטער דער מענעדזשער, און שוין זייענדיג מענעדזשער פון „פאר־ווערטס“ האט ער ניט נאר אנגעהאלטען זיין מיטגלידערשאפט אין דער אינטער־נעשאנעל, נאר זיך אינטערעסירט מיט אלע פראגען פון דער יוניאן.

די לינקע „פריינד“ פון דער יוניאן האבען זיך געפונען אין זעהר א שלעכ־טער לאגע, און זייער איינציגע אויסזע־צונג איז געוועזען דאס, וואס ברודער פאלין איז לעצטענס ניט אין טרייד. זיי האבען זיך נאר פארגעסען, אז ווען זיי נעמען איבער א יוניאן, איז די ערשטע זאך גיט מען איבער די עמטער צו קאמו־ניסטישע קאמיסארען, אפילו ווען זיי זיינען ריעל עסטייט לייט און קאנט־ראקטערס, מאכט מען זיי פאר מעמבערס און עס איז „א קעי“.

פאר דער אנשטעלונג פון ברודער פאלין, האבען די אויסגעלינקטע ארויס־געלאזט א שווארצע האנט פאסקוויל, אין וועלכען זיי גיסען אויס זייער איינציגען פארמעגען: אן עמער בלאטע אויף פריינד רייזבערג'ען, אויף וועמען זיי זיינען שטארק ברוגז דערפאר וואס ער האט זיי ניט געלאזט פארכאפען די יו־

(שלוס אויף זייט 12)

דזשאינט באארד דעלעגאטען רופען זיך אפ אויפ'ן אפיל צו העלפען ערוועהלען דזשאדזש פענקין

אלע זאלען זיך מעלדען נעקסטען זונטאג אין 107 סעקאנד עוועניו, וואו די טרייד־יוניאן קאמיטע ארבייט.

אויף דעם לעצטען דזשאינט באארד מיטינג האט דזשענעראל מענעדזשער האכמאן צום שלוס פון זיין באריכט פון דער וואך'ס טעטיגקייט אין דער יוניאן, אפעלירט צו די דעלעגאטען וועלכע זיי־נען ניט פרינציפיעל געגען פאליטישער אקציאן (אנארכיסטען), צו נעמען אנ־טייל אין דעם קאמפיין פאר די ווידער־ערוועהלונג פון דזשאדזש דזשייקאב פענ־קין.

מענעדזשער האכמאן האט זיך אפ־געשטעלט אויף דער באדייטונג פון פענ־קין'ס ווידערערוועהלונג. ער האט גע־שילדערט פענקין'ס טעטיגקייט און אי־בערגעבענהייט אין דער סאציאליסטי־שער און טרייד יוניאן באוועגונג אין די לעצטע 30 יאהר.

— פענקין, — האט האכמאן גע־זאגט, — האט א גלענצענדען רעקארד פון אן ארבייטער פיהרער, פון א ווע־טעראן אין דער מלחמה צווישען באלע־באטים און ארבייטער. וואו נאך מען וועט זוכען שפורען פון טעטיגקייט אין דער טרייד יוניאן באוועגונג וועט מען געפינען פענקין'ען. ער איז געווען איי־נער פון די ערשטע וואס האט אויפגע־וועקט די אידישע ארבייטער פונ'ם תחום. און די יעניגע וואס פארשטעהען אז יעדער עקאנאמישער קאמף איז א פאליטישער קאמף, די יעניגע אין וועל־כע פענקין האט אויפגעוועקט גלויבען אין זייערע הערצער, די יעניגע מוזען איצט זיך אריינווארפען אין קאמף פאר פענקין'ס ווידער ערוועהלונג אלס א דזשאדזש פון מיוניסיפאל קאורט.

דער אפיל פון ברודער האכמאן איז הארציג אויפגענומען געווארען און אלע דעלעגאטען פון דזשאינט באארד הא־בען זיך פארפליכטעט ערנסט אריינצו־ווארפען אין דער ארבייט, אין דער בא־וועגונג פאר פענקין'ס ווידער ערוועה־

(שלוס אויף זייט 10)

אינהאלט פארצייכניס

„גערעכטיגקייט“, נומער 43.

זייט 2. נייעס פון לאקאל 9, נ. קוירטסמאן; צו די מעמבערס פון לאקאל 2, ה. פריעד; דרעססמייקערס נייעס, דזש. ספילמאן.

זייט 3. וועגען גרויסע שפעצער, מ. בליר־שטיין.

זייט 4. שיקאגא'ר פיידזש, י. ביאליס, ד. קארט, אן איינענער.

זייט 5. פראבלעם פון גרויסען שאפ (8טער ארטיקעל), פ. קורינסקי.

זייט 6. עדיטאריעלס.

זייט 7. סטרייקס, ה. לאנג; טריאלעטען (ליד), העניך אקערמאן.

זייט 8. מיט יאהרען צוריק (8טער ארטי־קעל), אן אלטער קלאוקמאכער; ביל־דונג און יוניאן פראגרעס, פאניא מ. קאהען.

זייט 9. דער פארמער קאמף אין דער פוי־לישער ארבייטער באוועגונג, ז. ארטור.

זייט 10-11-12 נייעס, שלוסען, אא"וו.

קאמוניסטישע פוילע תדוצים ברעכען צוזאמען אויף פרעז. זיגמאנ'ס „לייבעל" פראצעס

(שלוס צו זייט 1)

אזוי די פארטיי האט דיקטירט די פאליסי פון דער יוניאן.

ברודער זיגמאן האט אויף דעם פאר־הער ארויסגעבראכט דעם פאקט אז דער סטרייק איז ארויסגערופען געווארען ניט לעגאל וואס אמבעלאנגט די יוניאן, ווייל ארויסצורופען א סטרייק האט געמוזט פארקומען א רעפערענדום. אבער אזוי ווי די פארטיי האט נאר געוואלט דורכאוים א סטרייק און ניט אנדערש האט מען, פאר־ווארפען דעם רעפערענדום און ארויסגע־רופען דעם סטרייק אויף אן אומלעגאלען וועג.

די גענעראל עקזעקוטיוו באארד האט ארגומענטירט נעגען דעם און ברודער זיג־מאן האט געהאלטען אין איין ארייג־טענה'ן מיט די געוועזענע פיהרערס, אז זיי זאלען דעם סטרייק ניט רופען. ער האט זיי אנגעוויזען אויף דער לאגע אין דער אינדוסטריע און אויף דער לאגע אין דער יוניאן. און זיי אליין האבען צוגעשטימט אז לויט די לאגע איז דער סטרייק א גע־פערליכע זאך. און דאך איז דער סטרייק ארויסגערופען געווארען, ווייל אזוי האט די פארטיי באשטימט.

די רעקאמענדאציעס פונ'ם גאווער־נאר'ס קאמישאן, האט ברודער זיגמאן ערקלערט אין געריכט, זיינען געווען גינ־סטיג פאר דער יוניאן און מען האט נאך געקאנט זיך דינגען און מאכען געוויסע רעזערוויישאנס אבער אזוי לאנג אז דאס קומט פון א קאפיטאליסטישער אינסטאנץ איז עס ניט געווען כשר געגוג. דאס האט געהייסען ביי זיי „קלאס קאלעבארייש'אן". אבער צו פארבינדען זיך מיט ארנאלד ראטשטיין און מיט דעם באס סאראווסקי איז יא געווען „כשר", לויט די טעזיסן פון דער „הייליגער" פארטיי.

„די לימיטיישאן און קאנטראקטארס וואס די קאמישאן האט באוויליגט און וואס האט באדארפט זיין די הויפט פארע־רונג, איז פארווארפען געווארען פון די געוועלדיגע „פרינציפיעלע" קאמוניסטישע „לייט". די אינסייד מאנופעקטשורערס האבען דעם פונקט אנגענומען און די קאנ־טראקטארס אסאסיאיישאן וואלטען דאס געווען אנגענומען, דאן וואלטען געבלי־בען בלויז די דזשאבערס, זיי וואלטען דאן אונטער'ן דרוק פון דער יוניאן אויך געמוזט נאכגעבען דעם פונקט און א סטרייק וואלט געווען פארמידען געווארען. אבער די פארטיי האט פארט געוואלט דעם סטרייק. די פארטיי האט דיקטירט די פאליסי פון דער יוניאן.

ווען דער סטרייק איז דאך גערופען געווארען האט פרעזידענט זאגמאן ערקלערט, האב איך ניט געוואלט אז דער סטרייק זאל געשטערט ווערען און אז די סטרייקערס זאלען ליידען פון דעם איינ־דרוק אז ס'איז פאראן א שפאלטונג צווי־שען דער אינטערנעשאנאל און דזשאינט באארד.

אויף דער זעקסטער אדער 7טער וואך פון סטרייק, דערציילט זיגמאן, האט ער איינגעזעהן אז דער סטרייק ווערט פאר־סקעבעוועט און ער האט געראטען די קאמוניסטישע סטרייק פיהרערס אריינצו־טראכטען זיך אין דער לאגע און זעהן קומען צו א סעטעלמענט.

דעם סטרייק נעגען די קאנטראקטארס האבען זיי געוואלט פארשלעפען ביז'ן נעקסטען סיזאן, און דאס וואלט נאך מעהרער רואינירט די טויזענטער פאמי־ליען וואס ארבייטען ביים טרייד. ווען פרעז. זיגמאן האט זיי געווארענט, אז זיי זאלען דאס ניט טאן און האט זיי ערקלערט אז זיי זאלען אנגעהמען דעם ארביטריי־שאן פארשלאג, וואס די קאנטראקטארס האבען פארגעשלאגען, האבען זיי ניט גע־וואלט הערען און זעהן און זיי האבען דעם פארשלאג צוריקגעוויזען. ס'איז דאמאלט קיין אנדער ברירה ניט געווען ווי אז די דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד זאל איבערנעהמען די פיהרערשאפט און ראטעווען טויזענטער פאמיליען פון אונטער־גאנג.

פרעז. זיגמאן האט דורך זיינע ערקלע־רונגען ארויסגעבראכט דעם פאקט דאס ער האט זיך אלעמאל געווענדעט צו היימאנען מיט ערקלעהרונגען ווענען דער סיטואציע. אבער ווי האט יענער בולוואן געקאנט נעמען די עצות פון פרעזידענט זיגמאן ווען ער איז געווען דער עק פון דער קאמוניסטישער פארטיי.

אין דער צייט פון סטרייק, האט דער־צעהלט ברודער זיגמאן, האט ער איינגע־זעהן דאס די סקעבעריי אינ'ם סאמע צענטער פונ'ם קלאוק דיסטריקט איז גע־ווען געוואלדיג גרויס, א דאנק דער פארנאכלעסיגונג פון דער פיקעט קא־מיטע, ער האט דאריבער זיך ניט געקימערט ווענען זיין איך און האט אנגעבאטען צו ברענגען אין ארדנונג די פיקעט קאמיטע אבער זיי האבען דאס ניט געוואלט האבען.

[illegible] האט פרעז. זיגמאן ארויסגע־

ברעכט אויפ'ן פריהער פאסטען נאך פאסטען ווי אזוי דער סטרייק איז פאר־פירט געווארען און ווען די אזוי גערו־פענע קאמוניסטישע חברה וואלטען נאר געהאט אין זיך עפעס בושה, וואלטען זיי זיך אויסגעגראבען א גרוב און אריינגע־ווארפען זיך אין איהר. ווייל פאקטיש פאלען זיי סיי ווי סיי אריין אין דער גרוב וואס זיי האבען געגראבען. זיי ווערען אליין דערטרונקען אין די שמוץ מיט וועל־כע זיי האבען געוואלט באשמוצען פרעז. זיגמאן. צי זיי וועלען עפעס לערנען דער־פון דאס איז א פראגע. ווייל די חברה זיינען אזוי ווי די פראנצויזישע בורבאנען וועלכע האבען קיינמאל גארניט געלערנט און קיינמאל גארניט פארגעסען.

לאיער בודין האט געזוכט צו באווייזען אז פרעזידענט זיגמאן האט אמאל בא־לאנגט צו דער אי. וו. וו. און פרעזידענט זיגמאן האט געענטפערט אויף דעם אז ער האט באלאנגט און האט די ארגאניזאציע פארלאזען אין 1908 פאר דיזעלבע אור־זאכען וואס ער האט געקעמפט נעגען דער קאמוניסטישער פארטיי. ער האט ניט געוואלט אז די ארגאניזאציע זאל זיך נאכ־שלעפען נאך א פאליטישע פארטיי.

שעהן איז געווען ווען זייער לאיער בודין האט זיך אנגעהויבען דרעהען אויפ'ן קאריק און אנגעהויבען צו פארטייטשען דעם פסוק, אז די קאמוניסטען האבען גאר־ניט געמיינט צו זאגען אז זיגמאן האט עפעס גענאסען פון דער יוניאן טרעזשורי, נאר די קאמוניסטישע פרעסע האט בלויז באשולדיגט זיגמאנ'ען אז די אינטערנע־שאנאל האט פארנוצט די געלט פון דעם אנעמפלאימענט אינשורענס פאנד. איז דאך די אלטע קשיא, די קאמוניסטי־שע פרעסע האט דאך געזאגט אז פרעז. זיגמאן האט פארנוצט א פארמעגען פון דער אינטערנעשאנאל אויף זיין באריהמ־טען וועסטעדען קוני איילענד? האט אויף דעם לאיער בודין געגעבען ווידער אן ענטפער אז ס'איז נאר געזאגט געווארען אז ס'איז באנוצט געווארען „אונרעגעלמע־סינקייט" פון דער אינטערנעשאנאל ביים פארנוצען 380,000 דאלאר פון דעם אנ־עמפלאימענט אינשורענס פאנד.

פרעזידענט זיגמאן האט דאן געגעבען צו פארשטעהן וואס הייסט ניט „רעגעלמע־סינקייט". ער האט ערקלערט אז נאכדעם ווי די קאמוניסטען האבען צושטערט דעם אנעמפלאימענט אינשורענס פאנד און די יוניאן איז געווען געצוואונגען דאס אויפ־צולעזען, ביז אין א געוויסער צייט, איז א טייל פון די געלדער אומגעקערט געווארען צו ארבייטסלאזע ארבייטער און א טייל פון די געלדער האט געמוזט אומגעקערט ווערען צו מאנופעקטשורערס פאר זייערע סעקיוריטיס וואס די קאמוניסטען האבען צוגענומען און פארנוצט אין דער צייט וואס זיי האבען זיך געפונען אין אפיס פון דער יוניאן.

מר. בודין, דער קאמוניסטישער לאיער, האט געפרואווט נאך אמאל צו פאר־טייטשען דעם פסוק „אונרעגולמעסינקייט" און רעכטפערטיגען די קאמוניסטען מיט זייערע פארלוימדונגען. דאס האט שוין ארויסגעבראכט פון געדולד דזשאדזש בראדצקי און ער האט ערקלערט דעם לאיער אז ער זאל אויפהערען צופיל צו כיטרעווען, ווייל ער וועט איהם ניט לאזען מיט אזא פארשטעלט ווארט באשמוצען די עהרליכקייט פון אזא פערזאן ווי פרעז. זיגמאן.

מרס. זיגמאן, וואס איז אויך געווען אויף דעם וויטנעס סטענד, האט באוויזען דעם גרויסען פארמעגען פון 98 דאלאר אויף א בענק ביכעל אקאונט וואס איז זיי געבליבען נאך דעם ערשטען יאהר וואס זיי האבען זיך איינגעהאנדעלט דעם „קוני איילענד" פארמעגען. און זי האט אויך באוויזען ווי זי האט געזוכט ווי מיט ליכט א קאסטאמער פאר דעם גרויסען אדווער־טייזטען קוני איילענד. אבער ווי אויף צו להכעיס וויל זיך ניט געפינען קיין קונה. אפילו די קאמוניסטען ווילען עס ניט קויפען כאטש מען מאכט א פארמעגען, פון 150 טויזענד דאלאר א באַרגיין פאר 6 טויזענט דאלאר.

צום לעצט האט דזשאדזש בראדסקי געמאכט אן ערקלערונג, אז דאס באווייז פון דעם באַרען, וואס פרעז. זיגמאן האט אין סטארם לייק אהייא, ווארפט קיין פלעק אויף איהם אלס א פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל. דאס פלאץ וואס ער פארמאגט אין יענער שטאט איז א געזעצליך און אן אנשטענדיג פלאץ און האט זיך זיכער דערמיט ניט וואס צו שע־מען.

דער סטייטמענט פון דזשאדזש בראדסקי האט געטראפען ווי א בליץ אין הארצען פון די קאמוניסטען און האט זיי צוגעגעבען א באזונדערען הארץ קלעמע־ניש צו זייער מפלה אויף דעם פראצעס. יא, זיי זיינען אריינגעפאלען אין דער זעל־בער גרוב וואס זיי האבען געגראבען, זיי ווערען איצט דערטרונקען אין זייער איי־גענעם שמוץ, מיט וועלכען זיי האבען געוואלט ווארפען אויף פרעזידענט זיגמאן און זיין פרוי.

סטרייק נעגען דער קליפשטיין פירמע און אנדערע וועט פארגעזעצט ווערען ביז אן ערפאלגרייכען ענד

12 קאנטראקטינג שעפער פון קליפשטיין פירמע אפגעסטאפט. — יוניאן וועט נעמען עקשאן נעגען יעדער פירמע וואס וועט זיך זוכען ארויסצו־דרעהען פון יוניאן באדינגונגען.

דער סטרייק נעגען דער קליפשטיין פירמע און אנדערע, ווי: זיירענבערג, ליפשיטאנסקי און פריישטאדט, וועלכע האבען זיך געזוכט ארויסצודרעהען פון יוניאן קאנדישאנס, ווערט ערפאלגרייך פארטגעזעצט און וועט פארטגעזעצט ווע־רען ביז די פירמעס וועלען זיך אונטער־געבען און האלטען פונ'ם אפמאך מיט דער יוניאן, אזוי ווי פאראנטווארטליכע פירמעס דארפען האלטען.

די יוניאן האט אפגעסטאפט די קאנ־טראקטינג שעפער וואס האבען געמאכט ארבעט פאר די סטרייקענדע פירמעס, און דער סטרייק איז אין א זעהר גוטען צושטאנד. די פירמעס האבען איצט איינ־געזעהן זייער טעות, זיי האבען געמאנעוו־רירט אויסצונוצען די סלעק צייט און זיך אויסלאכען פונ'ם אגרימענט מיט דער יוניאן. וועט זיי די יוניאן איצט געבען א לעקאן, וואס וועט זיי שלאגען איבער זייערע קעשענעס און זייערע פלע־נער זיינען געווארען צו גארנישט. אי־בערהויפט האט די פירמע קליפשטיין איינגעזעהן איהר גרויסען טעות. די פיר־מע האט ארויסגעגעבען צו 12 קאנטראק־טארס ארבייט, זיינען אלע קאנטראק־טארס דורך א ביזנעס איידזשענט און א קאמיטע אפגעסטאפט געווארען.

די דזשאינט באארד וועט פונקט ווי־זי האט גענומען א שטעלונג לעצטע וואך צו די אויבענדערמאנטע פירמעס אויך נעמען א שטעלונג נעגען אירגענד וועל־כער פירמע וואס וועט זוכען זיך ארויס־צודרעהען פון יוניאן קאנדישאנס און דעם אפמאך מיט דער יוניאן. עס וועט קיין זאך ניט אפגעלייגט ווערען אין דער לאנגער באנק. ווען נאר עס וועט זיך פארדערען באלדיגע אקציע נעגען פירמעס וואס וועלען זוכען אויסנוצען די סלעק צייט פאר זייערע קעשענע־צוועקען, וועט די יוניאן זיי געבען דורך באלדיגער אקציע צו פארשטעהן, אז זיי קאנען דאס ניט טאן.

אונזערע יוניאן מיטינגען

(שלוס פון זייט 10)

פראקציע אין דער אידישער באוועגונג וואס רופען זיך אידישיסטען, דערמיט וואס איהר אגיטירט מען זאל ביי אונזערע מיטינגען נאר ריידען ענגליש. ניט נאר קענט איהר האבען אונאנגענעמליכקייטען פון די ראדיקאלען איבער אייער אלגעמיי־נעם בליק אין די יוניאנס, נאר איהר וועט זיך אויך דארפען פאראנטפערען פאר אזעלכע אידישיסטען ווי דאקטאר זשיט־לאווסקי און דר. האפמאן פאר'ן אריינ־שטעקען א מעסער אין רוקען פון דער אי־דישער שפראך.

ווי די זאך זאל אבער ניט זיין, טוט איהר נאך מיין מיינונג, זעהר א גוטע זאך, אנצייגענדיג דעם „בחיר היצורים", דעם ארבייטס מאן, אז ריידען ביי מיטינ־גען בלויז פעסטצושטעלען דעם פרינציפ פון פרייע רעדע און דעמאקראטיע, האט קיין זינען ניט, און ברענגט בלויז דערצו, אז די מיטגלידער ווערען דיסגאסטעט און הערען אויף צו באזוכען יוניאן מיטינגען.

אן אלטער קלאוקמאכער.

ווען איהר קלייבט אויס אן איינציגע רויז פאר דער שעהנער וואזע...
מוז די איינציגע רויז זיין אהן א חסרון.

און ווען איהר קלייבט אויס א סיגארעט דארף ער האבען א פיינעם... ריי־כען... זעלטענעם טעם אום צו שאפען יענעם גראד צופרידענהייט און לוקסוס פון וועלכען איהר וועט קיינמאל ניט מיד ווערען צו געניסען.

MURAD

דער אויסערגעוועהנליכער סי־גארעט פאר דעם אויסערגע־וועהנליכען מאן, וועלכער פיהלט דאס ער איז בארעכטיגט צו די בעסערע זאכען אין לעבען

וועגען גרויסע שעפּער

פון מ. בלושטיין.

די פראגע וועגען גרויסע קלאוק־שעפּער האט ארויסגערופען א געוואלדיגען אינטערעס אין דעם קלאוקמאכער דיסטריקט. עס איז גענוג ארויסצוגעהן אין גאס צווישען 12 און 1 אזייגער, וואו די ארבייטער קומען זיך צוזאמען, און צוגעהן צו דער ערשטער בעסטער דעבאטירענדער גרופּע ארבייטער, און איהר וועט גלייך דערהערען אנשטאט לינקס־רעכטע דעבאטען — גרויסע אדער קליינע קלאוק־שעפּער!

דער ווארט „גרויסער קלאוק שאפּ" איז געווארען עפּעס ווי א צויבער־ווארט, און די מעגליכקייט פון דעם איז געווארען פשוט א לעבענס־פראגע. זעהר א גרויסע צאהל ארבייטער ווילען גאר ניט אפילו אנפאנגען „פאנטאזירען" פון אזא זאך. אונמעגליך! — איז זייער שנעלער אורטייל. ווען זיגמאן זאל דאס באווייזען, וואלט ער אויפגעטאן דעם גרעסטען וואונדער! ער וואלט געראטעוועט די קלאוקמאכער פון אונטערגאנג! אנדערע ווידער, פארקערט, זיינען פול מיט האפנונגען. „פארלאזט זיך נאר אויף אונזער פרעזידענט! ער וועט ניט גלאט, מיר ניט, דיר ניט „אנציהען" די קלאוקמאכער! מסתמא האט ער עפּעס, נאר ס'איז נאך ניט צייטיג. און אזוי שנעל ווי ער וועט אלעס האבען פארטיג, וועט ער מסתמא קומען צו אונז און וועט אונז דערצעהלען. און אויב ער וועט דאס דארפען קויפען פאר א געוויסען פרייז, וועט ער אונז מסתמא פרעגען צי מיר ווילען באצאהלען דעם פרייז". אט אזוי פילאזאפירט דער מעהר ערפאהרענער, דער רוהיגער קלאוק מאכער, דער „דורכגעמאכטער". ביידע גרופּען אבער, סיי דער האפנונגסלאזער און סיי דער האפנונגספולער, זיינען איבערציינט אין דער נויטווענדיגקייט פון דעם גרויסען שאפּ און וואלטען דאס געוואלט זעהן אין לעבען דורכגעפיהרט.

און עס איז נאך ניט קיין וואונדער! צי איז דען דא א מענשליכע האנט, וואס זאל קענען אויסמאלען א בילד פון די ליידענדע קלאוק און דרעס מאכער? א בילד, וואס זאל בולט ארויסברענגען, ווי א ריזיגע מאסע פון צעהנדליגער טויזענטער ווארפען זיך קאנוואולסיוו אין א הונגער־קלעם אין אן אינדוסטריע, וואס רעכענט זיך צווישען די רייכסטע, די גרעסטע אין די פאראייניגטע שטאאטען.

די שילדערונג איז איין האר ניט איבערטריבען. עס זיינען דא קלאוקמאכער וואס האבען געענדיגט דעם ספּרינג־סיזאן פאר דעם לעצטען גענעראל סטרייק און האבען געארבייט בלויז געצעהלטע עטליכע וואכען, פון יענער צייט אן. זיי זיינען גארניט אין קיין קליינער צאהל. אמת, ניט די מאיאריטעט, אבער גרויס גענוג אין צאהל אויפצוּוועקען דעם געוויסען אין יעדען מענשען, וואס איז פאראינטערעסירט צו פארבעסערען די אומגליקליכע לאגע פון די קלאוק און דרעסמאכער און זיך ערנסט פארטראכטען וועגען די איבלען וואס האבען געהאלפען ברענגען צו אזא צושטאנד און איינמאל פאר אלע מאל מיט אן אייזערנער האנט דאס אויסראטען ביז'ן ווארצעל.

דא קומען מיר צום פונקט. וויל מען באמת העלפען די קלאוקמאכער, דאן מוז מען זיך טיף פארטראכטען וועגען די דאזיגע איבלען, זייער שטאם, זייער וואוקס, און דאן מאכען די נויטיגע אפּעראציע, אזוי אז עס זאל ניט שעדיגען דעם געזונטען טייל, וועלכער איז נאך אלעמען אזוי ענג צוזאמענגעוואקסען.

יעדער איינער פארשטעהט שוין היינט צו טאג, אז דער גרעסטער איבעל אין אונזער אינדוסטריע איז דער קליינער קאנטראקטינג שאפּ, און ניט נאר ליידען פון דעם די ארבייטער בלויז נאר אויך דער מאנופעקטשורער און אפילו דער דזשאבבער, וועלכער איז דער אבסאלוטער שולדיגער אין דעם איצטיגען צושטאנד באשאפענדיג אט דעם דאזיגען גולם, וואס רופט זיך קאנטראקטאר, האט דער דזשאבבער קיינמאל ניט געדענקט אז ער וועט קענען שלאגען מיט אזא קראפט, אז פון זייערע חלומות צו ווערען די אבסאלוטע הערשער פון די פארשיידענע מארקעטס איז געווארען טאקע ניט מעהר ווי א חלום. קיין אינדוסטריע פון אזא באשטאנד און אזא ריזיגען פארנעם ווי די ליידיס גארמענט אינדוסטריע ליידט ניט פון אזא שרעקליכער און דעמאראליזירענדער דעצענטראליזאציע פון איהר אינוועסטעטען און פּראפיט טיילענדען קאפּיטאל.

ווען מען לערנט די געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל און מען געהט דורך דעם גאנצען אנטוויקלונגס פּראצעס פון דער גארמענט אינדוסטריע, זעהט מען טאקע אז ביז דער פעריאדע וואס דער קאנטראקטאר איז געווארען א פאקטאר אין דעם לעבען פון דער אינדוסטריע, האט מען אלע מאל געקענט אנווייזען מיט'ן פינגער: אט דא זיינען די קאנטראלירער פון דער וואקסענדער אינדוסטריע. איך וויל זיך דא ניט ארייגלאזען אין ציטאטען פון דעם בוך צו באשטעטיגען מיינע באהויפּטונגען. יעדער איינער קען זיך לייכט איבערציינגען אין דעם גלייך אויף די ערשטע עטליכע בלעטלאך פונ'ם בוך.

אז מען אנאליזירט דעם וואקסענדען אינוועסטעטען און פּראפיט טיילענדען קאפּיטאל מיט די וואקסענדע עסטאבלישמענטס אדער שעפּער פון יענער פעריאדע זעהט מען גלייך ווי לאנגזאם דער פּראצעס פון אויפקומענדע נייע שעפּער אין פארגלייך מיט דעם וואקסענדען קאפּיטאל איז געווען. דאס מיינט, אז דער מארקעט איז כמעט געווען קאנצענטרירט ביי א קליינער אבער איינפלוסרייכער גרופּע מאנופעקטשורערס, וועלכע זיינען געווען אימשטאנד צו קאנטראלירען די מארקעטס פון יענער צייט.

אנדערש איז אבער געווארען די לאגע ווען דער קאנטראקטאר האט אנגעפאנגען ארייגקומען. די צאהל שעפּער וואקסען מיט א געוואלדיגער שנעלקייט. די קאנקורענץ אויף די מארקעטס ווערט שארפער און דער קאנטראל פאנגט זיך אן ארויסגליטשען פון דער קליינער איינפלוסרייכער גרופּע און שפּרייזט מיט אן אונקאנטראלירענדער שנעלקייט ביז זי דערגרייכט צו א „פריי פאר אלעמען" שטופּע, וואו אלע לויפען און כאפּען גאר ניט...

איך וויל זיך דא ניט ארייגלאזען אין איינצעלהייטען. פרעזידענט זיגמאן האט ביי פארשיידענע געלעגענהייטען סיי אין קאנפערענץ מיט די באלעבאטים און סיי ביי די פארשיידענע פארהערען פון די קאמישאנס און סיי ביי פארשיידענע פארזאמלונגען פון ארבייטער אנגעציינט אויף דעם שרעקליכען פארלוסט פון געלט און כחות, וואס געהט אין ניוועץ אדער „ווייסט", ווי מען זאגט אין ענגליש, דורך דעם יעצטיגען סיסטעם אדער פּראצעס, וואס די גארמענטס געהען דורך. פרעזידענט זיגמאן האט אנגעציינט אויף דער אונצעהליגער צאהל לאפטס וואס ווערען ממש אומזיסט אויפגעהאלטען און אז מען זאל נאך דערצו דערצעכענען דעם דרייפאכען שיפּינג סיסטעם: איינמאל די רויהע וואארע פון דזשאבבער צום קאנטראקטאר, דאס צווייטע מאל פארטיגע גארמענטס פון קאנטראקטאר צוריק צום דזשאבבער, און דאן ערשט פון דזשאבבער צו די קויפער — גלויב איך קוים צי עס איז דא אזא עקספּערט, וואס זאל קענען פעסטשטעלען דעם שרעקליכען פארלוסט.

איך ווייס ניט צי עס מוז אזוי בלייבען, אדער דאס קען נאך אלץ קאנטראלירט ווערען. איך ווייס אבער יא, אז קיין אינדוסטריע האט ניט אזא פארקריפּעלטען סיסטעם, וואו סיי דער אינוועסטאר און סיי דער פּראדוצירער און סיי דער קאנסומער זאלען אלע ליידען און ביי קיינעם פון די צדדים זאל זיך ניט ארויסרופען דער מאן מיט א פעסטען גלויבען אין זיך און דאן זיין אימשטאנד צו איבערציינגען אנדערע אין דער נויטליכקייט פון איינשטעלען א געזונטען פּלאנמעסיגען קאנטראל אזוי אז עס זאל פשוט ווערען אונמעגליך פאר יעדען איינעם וואס האט א קאפּיטאל פון 500 אדער 5,000 דאלאר אפילו צו ווערען אויך מיר א מאנופעקטשורער און זאגען א דעה אין דער דיסטריביושאן אדער פארטיילונג פון דער גארמענט אינדוסטריע.

נאטירליך, דאס אלעס וואלט מיך זעהר וועניג געארט, ווען עס זאל ניט אנריהרען אזוי טיף די אינטערעסען פון די ארבייטער, און ווען די יוניאן וואלט געקענט גאנץ געוויסענהאפט ארפּווארפען פון זיך די גאנצע שולד פון דער לאגע. נאך מיין מיינונג, איז אויך די יוניאן א היבש ביסעל שולדיג און זי וועט מוזען שפּילען א גאנץ באדייטענדע ראלע אין דער רעקאנסטרוקציע, אויב אזעלכע וועט קומען צום פארגרונד. און טאקע צוליב דעם וואס די יוניאן איז שולדיג און וואס זי וועט מוזען שפּילען א געוויסע ראלע, מוז מען זיך פאנאנדערקלייבען, ערשטענס, וואס זיינען די שולדען, און וואס פאר א ראלע קען זי אפּארדען צו שפּילען.

די „שולד" פון דער יוניאן ליגט, דוכט מיר, אין דעם ספּעציפישען כאראקטער פון דעם אידישען ארבייטער. זיין גאנצע נערוועזיטעט האט דער אידישער ארבייטער אריינגעבראכט אין דער יוניאן, און פונקט ווי ער יאגט ביי דער מאשין און זעהט קיין זאך פאר זיינע אויגען, אזוי יאגט זיך די יוניאן נאך זיגע, נאך קאליר, נאך דעקאראציע, נאך אויפגעבלאזענעם פּרעסטיזש וואס האט קיין משמעות ניט. און דער רעזולטאט איז: גלות־לאנגע אגרימענטס מיט צעהנדליגער פונקטען, וואס די ארבייטער פאנגען ניט אן צו וויסען וואס אין זיי טוט זיך און ווען מען דארף זיי אויסנוצען. אבער דערפאר אהן „פיידע", אהן שעפּער און אהן באלע־באטים! עס זיינען פשוט ניטא קיין שעפּער, וואו אויסצונוצען די דאזיגע שעהנע אגרימענטס...

די דאזיגע טראגעדיע ציהט זיך שוין, נאך מיין מיינונג, זינט 1910, ווען דער ערשטער טעות איז באגאנגען געווארען ביי דעם ערשטען גרויסען זיג וואס די יוניאן האט אפּגעהאלטען. דער קאמף האט זיך דאן געדרעהט ארום דער פראגע פון דער אינסייד סאב־קאנטראקטינג סיסטעם. די ליידען פון די ארבייטער זיינען דאן געווען שרעקליכע און אין דעם האס און צארן געגען אט די סאב־קאנטראקטארס האט מען געמיינט, אז אלעס וואס מען דארף טאן איז זיי פארטרייבען פון די פעקטארים און דאן זיינען מיר אויסגעלייזט. וואלט דער קאמף ניט געווען אזוי ליידענשאפטליך, וואלט מען אפשר געקענט פאראויסזעהן זיינע רעזולטאטען און אנשטאט זיי צו „פארטרייבען" פון די פעקטארים אין אויטסייד שעפּער בעסער זיי האלטען אינסייד און ניט ערלויבען קיין דרויסענדיגע קאנטראקטארס. אזוי ארום וואלט פארשטארקט ווערען דער קאנטראל אין די פיר ווענט פון דער פעקטארי. האט מען זיי ארויסגעטריבען אין דרויסען און זיי זיינען אויסגעוואקסען אזוי ווי דערנער אויף א ניט באארבייטען פעלד און האבען פשוט געמאכט אונמעגליך צו טראכטען אפילו פון וועלכען עס איז קאנטראל.

צעהנדליגע מאל זייט דאמאלסט זיינען געמאכט געווארען פרואוכען ווי צו קאנטראלירען די אויטסייד שעפּער, אבער יעדען מאל פאלט די יוניאן דורך מיט א קראך. נאך יעדער אנטוויקעלטער קראנקהייט זוכט מען א נייע רפואה. אזוי צ. ב. ש. איז געווען מיט דער פאדערונג פאר 14 מאשינען. די האפנונג איז געווען, אז וואס גרעסער דער שאפּ, אלץ לייכטער דער קאנטראל. די האפנונג איז זיכער געווען א בארעכטיגטע.

דאס ציינט בלויז, אז מען האט אין דער יוניאן אנגעהויבען פארשטעהן פון וואנען עס נעמען זיך די צרות. די לייזונג פאר דער פראגע איז אבער זיכער א פאלשע. ווייל ניט אין דעם „ווינקעל" קען מען זוכען די ערלייזונג. די ערלייזונג מוז געזוכט ווערען אין א גאנץ אנדער דירעקשאן. מען מוז פשוט זוכען די וועלכע קענען קאנטראלירען די סיטואציע אלס גאנצע און דארטען אויסקעמפען דעם באלדיגען ציל, וואס יעדער יוניאן מוז אין זינען האבען ביי איהר סאמע געבורט, און דאס איז א באשטענדיגע, א שטופענווייזע פארבעסערונג פון די ארבייטס קאנדיציאנען, א לייכטערען ארבייטס טאג און א גרעסער שטיקעל ברויט. איך מיין דערמיט ניט צו זאגען, אז די יוניאן טאר זיך ניט שטעלען קיין העכערע צילען. אה, ניין, פארקערט! איך בין גראדע פון דער קליינינקער מינאריטעט, וואס דענקט אז די ארבייטער קענען פון קיין פּאליטישער פּארטיי קיינמאל ניט דערגרייכען דאס וואס זיי קענען דערגרייכען דורך א יוניאן, און אז נאר אין דער יוניאן ליגט דעם ארבייטער'ס האפנונג. און טאקע צוליב דעם אלעמען מוז אבער די יוניאן זעהן, אז די ארבייטער זאלען ניט פארלירען דעם צוטרוי צו איהר, ווייל דער אונטערשייד פון א פּאליטישער פּארטיי ביז דער יוניאן איז הער, וואס די ערשטע קען זיך ערלויבען צו לעבען אויף צוזאגונגען בעת די יוניאן מוז דאס קענען באווייזען אין טעגליכען לעבען.

און דא ליגט א היבשער טייל פון אונזער שולד. מיט דער זעלבינער דעמאגאגיע, וואס דער פּאליטישען רעדט אויפ'ן סטריט־קארנער, פארשפּרעכענדיג גאלדענע בערג; אט די זעלבע דעמאגאגיע ווערט גאנץ אפט געברויכט אויף דער יוניאן־פּלאטפארמע און מיר לאזען זיך גאנץ אפט פארפיהרען פון די אויסגעדראשענע פראזען און דער רעזולטאט איז אומבאגרענעצטע ליידען.

יעדער אידישער ארבייטער ווייס שוין היינט צו טאג, אז פּראפּאגאנדע אליין ברענגט ניט קיין ברויט, אז אויסער פּראפּאגאנדע מוזען זיך געפינען די רוהיגע קעפּ צו באטראכטען יעדער נייע פּראבלעם אין א גאנץ געלאסענער פּראקטישער פארמע און זי לייזען ניט נאך דעם ווילען אדער קאפּריז פון א דעמאגאג אדער אמביציעזען פּאליטישען נאר נאך די באדערפנישען פון דער צייט, אזוי אז זיי זאלען קענען ברענגען דעם נויטיגען נוצען פאר די ארבייטער אין די שעפּער. די ארבייטער האבען זיך שוין אויסגעלערנט און וויסען פון זייערע טאג־טעגליכע באריהרונגען מיט די באלעבאטים אין די שעפּער, אז א גוטער טשערמאן מיינט ניט דער וואס מאכט א סך גוואלדען אין שאפּ און פאראורזאכט א סך צייט־פארלוסט, נאר א גוטער טשערמאן איז דער וואס מיידט אויס דורך א געניטען וועג א סך קריגערייען און פארברעכט דאך ניט נעגען די אויסגעקעמפטע באדינגונגען. די ראלע פון דער יוניאן אלס גאנצע איז אייגענטליך די זעלבע. זי מוז זעהן, אז די ארבייטער זאלען מאכען א לעבען, און אין דער זעלבער צייט ניט פארנאכלעסיגען די אינטערעסען פון די ארבייטער.

אין אנדערע ווערטער, די ראלע פון דער יוניאן איז איצט א דאפּעלטע: ערשטענס, זיך ניט דערשרעקען פאר קיין דעמאגאגען אין דעם פּראצעס פון ריקאנסטרוקציע און צווייטענס האלטען די מעמבערס אין פולער אויפקלערונג וועגען יעדער מעגליכער ענדערונג וואס וועט אלס רעזולטאט מוזען קומען. דאס ערשטע איז נויטיג, ווייל שוין גאר צופיל האט די פיהרערשאפט פון דער יוניאן זיך געלאזט אפּשרעקען און אויף אזא אופן מיט־שווימען מיט'ן שטראם. דאס צווייטע איז נויטיג, ווייל אויב די מעמבערס וועלען זיין אינפארמירט אויף א ריינעם געוויסענהאפטען אופן וועט זיי קיינער ניט קענען אזוי לייכט פארפיהרען מיט נארישע אויסגעדראשענע פראזען.

מיר וואלט זיך נאך זעהר וועלען אנריהרען אייניגע פראגען אין פארבינדונג מיט דעם גרויסען פארלוסט אין כחות און אין געלט, וואס עס קאסט דער יוניאן דער קאמף מיט דעם קליינעם שאפּ, די ראלע וואס דער קליינער שאפּ האט געשפּילט אין דער העכערונג פון דיוס און אסעסמענטס אין דער יוניאן. אבער דאס וועל איך טאן ביי א צווייטער געלעגענהייט, ווייל איך בין זיכער אז עס וועט נאך אויסקומען א סך צו רעדען אין פארבינדונג מיט דער גרויסער און קליינער שאפּ־פראגע.

לאקאל 82 וועט שטימען וועגען פּראפּארציאנעלער פארטרעטערשאפט און פּלאץ פאר'ן קאנווענשאן מאנטאג, דעם 31טען אקטאבער

א וויכטיגער ספּעשעל מיטינג פון לאקאל 82 וועט אפּגעהאלטען ווערען מאנטאג אווענט, גלייך נאך דער ארבייט, דעם 31טען אקטאבער. אויף דעם מיטינג וועט דער סעקרעטער־מענעדזשער ראזענבלאט אפּגעבען א ספּעציעלען באריכט, און דער עיקר פונ'ם מיטינג וועט זיין וואס די מיטגלידער וועלען שטימען וועגען דער פראגע פון פּראפּארציאנעלער פארטרעטערשאפט און וועגען א פּלאץ וואו די קאנווענשאן זאל אפּגעהאלטען ווערען.

עס וועט אויף דעם מיטינג אויך זיין ערשטע נאמינייש אנס פאר סעקרעטער, מענעדזשער און עקזעקוטיוו באאמטע. צוליב די אלע אפּגעגעבענע זאכען איז דער מיטינג זעהר וויכטיג. עס טאר דעריבער קיין מעמבער ניט פארפעלען אנוועזענד צו זיין. אירגענד וועלכער מעמבער, וואס וועט פארפעלען אנוועזענד צו זיין אויף דעם מיטינג, וועט פּאזיטיוו באשטראפט ווערען מיט א געלט־שטראף.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 82.

ראזענבלאט, מענעדזשער־סעקרעטער.

וואס איז עקס־לאקס?

עקס־לאקס איז איינע פון די וויכטיגסטע ערפינדונגען פון דער מעדיצינישער וויסענשאפט. דאס איז א טשאקאלאד־קענדי, וועלכעס רעגולירט דעם מאגען און פארנעהמט דעם פּלאץ פון קאסטאר־איל, ביטער־זאלץ, רובארבער, ביטער־וואסער, לאקרעץ פּאודער, באצוקערטע אדער געפּארבטע פּילען, און נאך פילע אנדערע אלט־מאדישע אפּפיהר־מיטלען פאר וועלכע יעדער מאן, פרוי אדער קינד פלעגען זיך אפּשרעקען.

עקס־לאקס איז א טשאקאלאד דורך און דורך. עס איז געשמאק אין טעם און ווירקט געלאסען און נאטירליך געגען אלע פארמען פון מאגען־פארשטאפּונג, אהן שמערצען אדער קרעמפּפען.

פּרייעט א באקס היינט און איבערציינגט אייך.

10, 25 און 50ס. א באקס, אין אלע דראג־סטארס.

וואס הערט זיך ביי די דרעסמייקערס?

פון דזש. שפילמאן, סעקר.־טרעזשורער.

אונזערע מעמבערס האבען זיך ווארים אפגערופען אויף די סטרייק־נאטיסעס, וועלכע זיינען געשיקט געווארען צו די יעניגע, וועלכע זיינען שולדיג העכער 9 מאנאט דיוס. נאהענט פון 200 מעמבערס האבען זיך ביז לעצטען שבת געמעלדען אין לאקאל אפיס און האבען זייערע שולדען באצאהלט. אין איינציגע פעלע איז דער אפיס געווען געצוואונגען, צוליב אויסערגעוויינליכע אומשטענדען, צו באוויליגען די באטרעפענדע מעמבערס 10 טעג עקסטרא צייט, אום צו קענען גוטשטעהענד ווערען.

עס שיינט אונז, פון די געשפרעכען וועלכע מיר האבען געהאט מיט די מענשען, וועלכע האבען ניט געצאהלט קיין דיוס פאר אזא לאנגער צייט, אז אחוץ די אורזאכע וואס מען קען ניט פארדינען אזוי ווי עס באדארף צו זיין, איז עס אין מעהרסטע פעלע אן איינפאכע פארנאכלעסיגונג. צאהלען צו איינעם אדער צוויי סטעמפס אויף אמאל, שטעהט עפעס ניט אן. לאזט מען עס אפ פאר א „צווייטען" מאל. אט אזוי קלייבט זיך עס אן, א וואך נאך א וואך, איין מאנאט נאך דעם צווייטען, ביז וואנען עס ווערט טאקע צו שווער. דאן, פארשטעהט איהר מיך, ווערט א ויצקו!

קיינער ווייס ניט בעסער פון דעם שרייבער, וואס די אומשטענדען זיינען יעצט אין דרעס טרייד און ווי קלעגליך און מיזעראבעל עס זיינען די פארדינסטען פון די דרעסמאכער, ספעציעל אין די אפענע שעפער, פון וועלכע עס זיינען דא אזוי פיל. אבער טאקע דערפאר אליין מוז די יוניאן געשטיצט ווערען מיט דער גרעסטער אנשטרענגונג מצד די מעמבערס. די צייט דערנעהנטערט זיך ווען די דרעסמאכער יוניאן וועט ווייטער פארנעמען איהר אמאליגע פאזיציע אין דרעס טרייד. אן אנפאנג איז געמאכט געווארען דעם סעזאן. דאס איז אבער געווען אן עקספערימענט. די מעמבערס וועלען אין די קומענדע פאר וואכען הערען וואס די פלענער פון אונזער יוניאן זיינען. דערווייל טאר זיך קיין דרעסמאכער ניט לאזען שטרייכען, און די וועלכע ארבייטען, דארפען ניט נאר באצאהלען זייערע שולדען, נאר זיי מעגען באצאהלען אין פאראויס, ווי איינציגע שעפער האבען עס געטאן.

* * *

די לעצטע סעקשאן מיטינגען פון אונזער לאקאל זיינען, ווי אימער, געווען גוט באזוכט. דער פינאנס באריכט פון לאקאל און פון אונזער רעליעף פאנד, ווי אויך אלע אנדערע באריכטען, זיינען איינשטימיג גוטגעהייסען געווארען.

דער בראנקסער סעקשאן האט גע־מיטעט אין דעם גרויסען האל פון מעקינלי סקווער גארדענס, וועלכער, ווי עס ווייזט אויס, וועט שוין באלד זיין צו קליין פאר אונזערע אפטאונער מעמבערס. אויך דער בראנזוויללער מיטינג איז געווען זעהר גוט באזוכט. דאס קען אבער ניט געזאגט ווערען וועגען דעם דאון־טאונער סעקשאן. די צאהל באזוכער אויף דעם סעקשאן איז ווייט ניט צופרידענשטעלענד. די אורזאכע דערפון, גלויבען מיר, איז, וואס די צאהל מעמבערס, וועלכע וואוינען אויף דער איסט סייד, איז זעהר קליין. דאס ווייזען טאקע די רעקארדס אין אונזער אפיס. עס איז פיליכט צופיל צו ערווארטען פון א סך מעמבערס, איבערהויפט נאך פון די וועלכע וואוינען אין די בראנקס אדער ־וויט אין ברוקלין, צו פארבלייבען דאון־טאון אויף א מיטינג און קומען אהיים שפעט אין אווענט. די וועלכע וואוינען אבער יא אין דעם געגענד, באגעהען אן עולה ווען זיי קומען ניט צום סעקשאן מיטינג.

* * *

מיר האבען ביז אהער ניט געפונען פאר נויטיג אדער וויכטיג צו באריכטען וועגען אינדיווידועלע מעמבערס אדער שעפער. זיינען אבער צייטענווייז דא אזעלכע פעלע, וועלכע זיינען פון א גאנץ אנדער כאראקטער, פון וועלכע מען קען מאנכעס מאל עפעס לערנען, עפעס ארויסנעמען. צו אזא סארט באלאנגט די געשיכטע פון די ארבייטער פון ד. שווארץ, 15 וועסט 27טע סטריט.

ביז מיט איינציגע מאנאטען צוריק איז די פירמע פון אונזער אפיס באטראכט געווארען אלס א נאן־יוניאן שאפ, אן אפען שאפ. מיר האבען דארום אנגעווענדעט מיטלען דעם שאפ צו יוניאניזירען. די ארבייטער האבען ראן באשלאסען צו ווערן מעמבערס אין אונזער יוניאן. האבען זיי אבער מיט א קורצער צייט שפעטער חרטה געהאט. ווי איינציגע פון זיי האבען זיך אויסגעדריקט, האבען זיי נאך געצווייפעלט אויב „דאס איז די יוניאן". האט מען געווארט, טאמער, טאמער... דערווייל האט אבער דער בעל הבית געריסען שטיקער פלייש, [illegible] וואס ער האט געוואלט, ביז „[illegible] זייער האבען אנגעזאגט צו בלוטיגען", האבען די ארבייטער באשלאסען צו מאכען אן ענדע צו דער שקלאפעריי, און האבען זיך אלע ווי איינער, אויף א מיטינג, וועלכען זיי האבען אליין איינגערופען, רעדזשיסטרירט מיט דער אינטערנעשאנעל. עס הייסט, אז זיי צווייפלען שוין ניט מעהר „אויב דאס איז די יוניאן". זיי האבען געוויס קיין טעות ניט געמאכט. דער אפיס וועט טאן אלעס מעגליכעס אז די ארבייטער זאלען קענען מאכען אן אנשטענדיגען לעבען און זאלען באהאנדעלט ווערען ווי מענשען.

* * *

דאנערשטאג קומענד, דעם 10טען נאוועמבער וועט אפגעהאלטען ווערען א דזשענעראל מעמבער מיטינג פון אלע מעמבערס פון לאקאל 22 (דער פלאץ פון מיטינג וועט אנאנסירט ווערען נעקסטע וואך). אויף דעם טאגעס־ארדנונג איז דא ערשטע און לעצטע נאמיניישאנס פאר לאקאלע באאמטע, עקזעקוטיוו באארד און רעליעף קאמיטע מעמבערס. די ערוועהלונג פון אן אבדזשעקשאן און אן עלעקשאן קאמיטע, וועלכע וועט דורכפיהרען די וואהלען. אויך וועלען דיסקוטירט און געשטימט ווערען די צוויי רעפערענדומס פון דער אינטערנעשאנעל איבער פראפארציאנעלע פארטרעטערשאפט און דעם פלאץ פון דער נעקסטער קאנווענשאן.

דאס וועט אהן צווייפעל זיין דער סאמע וויכטיגסטער דזשענעראל מעמבער מיטינג, וואס אונזער לאקאל האט ווען עס איז געהאט. דער יאהר 1928 וועט שפילען א גרויסע ראלע אין דער געשיכטע פון דער דרעסמאכער יוניאן. עס קאן מיט זיכערקייט געזאגט ווערען, אז עס וועט געמאכט ווערען א העפטיגער פארזוך צו צווינגען די בעל הבתים נאכצוקומען דעם אגרימענט, וועלכען זיי האבען געשלאסען מיט אונזער יוניאן לעצטען יאהר. עס איז נאך צו פריה פאראויסצוזאגען מיט וואס אזא פארזוך קען זיך אויסלאזען. די יוניאן מוז אבער זיין גרייט אויף אלעס. אט דערפאר איז זעהר וויכטיג אז די צוקונפטיגע אדמיניסטראציע פון לאקאל 22 זאל באשטעהן פון דאס בעסטע וואס מיר פארמאגען און וויכטיגער פון אלעס, זי זאל האבען די פולע צוטרויען פון די מעמבערס.

די פראגע פון פראפארציאנעלע פארטרעטערשאפט, וועלכע האט אמאל אויפגעטרייסעלט דעם סאמע בנין פון אונזער יוניאן, מיט בלויז א קורצער צייט צוריק, איז נאך עד היום ביי פילע פון אונז פאררעכענט פאר א פונדאמענטאלע דעמאקראטישע פראבלעמע, צו וועלכער קיין ערנסטער מענש קען זיך ניט באציהען לייכטזיניג. מיר זיינען דארום זיכער, אז דיזער מיטינג וועט פאראינטערעסירען די ברייטע שיכטען פון אונזער גרויסער מעמבערשיפ, אזוי אז ניט נאר וועלען מיר דא טרעפען די באקאנטע פנים'ער, וועלכע מיר זעהען געוויינליך אויף די מיטינגען, נאר אויך אז די וועלכע לאזען עס איבער פאר „זיי", וועלען זיין שטארק פארטראטען און וועלען זיך באטייליגען אין די דיסקוסיעס און אפשטימונג.

* * *

לעצטע וואך האבען די ארבייטער פון פייאן בראס. און באבראווסקי, 263 וועסט 38טע סטריט, אפגעהאלטען א שאפ מיטינג, אויף וועלכען זיי האבען זיך פרייוויליג געטעקסט מיט 10 דאלאר אויף יעדען אפערייטאר און 5 דאלאר פאר אלע אנדערע פאכלייט, צו דעם ארגאניזיישאן פאנד פון דעם דזשאינט באארד. אין דעם שאפ, ווי אין אלע אנדערע שעפער, איז יעצט קיין איבעריגע ארבייט ניטא. די פארדינסטען זיינען דארום גאנץ קליינע. זיינען אבער די מעהרסטע ארבייטער פון פייאן בראס. און באבראווסקי „אלד טיימערס" פון דער דרעסמאכער יוניאן. אסך פון זיי האבען געווידמעט פיל צייט און ענערגי צום גרויסען לאקאל 22. זיי ווייסען וואס א יוניאן באדייטעט און ווי נויטיג זי איז, און זיינען דארום גרייט צו העלפען איהר.

זאל דיזער שעהנער ביישפיל דינען אלס מוסטער צו די גרויסע צאהל יוניאן שעפער. זאל עס אויך דינען אלס א קוואל פאר דער באנייאונג פון יוניאן סאלידאריטעט און קלאסען באוואוסטזיין, מיט וועלכע די דרעסמאכער זיינען אימער געווען באוואוסט.

דערביי ווילען מיר באמערקען, אז שוועסטער ראוז ראדינאווסקי, איינע פון די עלטע לאיעלע מעמבערס פון אונזער לאקאל, איז יעצט די שאפ־טשערליידי.

נייעס פון לאקאל 9

פון נ. קווירטמאן, מענעדזשער

צוליב די יום טובים זיינען קיינע מיטינגען פון אונזער לאקאל נישט אפגעהאלטען געווארען. איצט פאנגען מיר אן אונזער ארבייט מיט מעהר ענערגיע. די מיטינגען וועלען איצט אפגעהאלטען ווערען רעגעלמעסיג. עס איז אונזער וואונש אז אלע מיטגלידער זאלען די מיטינגען באזוכען אום מיר זאלען קענען צוזאמען גרינדליך דיסקוטירען די וויכטיגע פראגען וועלכע האבען זיך אנגעקליבען פאר די לעצטע עטליכע וואכען.

עס מוזען געמאכט ווערען אלע פארזוכען דאס די יוניאן זאל ווערן שטארקער. דאס קען געטאן ווערען ווען די מיטגלידער וועלען זיך אינטערעסירען און אנטייל נעהמען אין דער ארבייט פון אונזער לאקאל און פון דער גאנצער יוניאן. דאס איז צו אטענדען סעקשאן און אלע אנדערע מיטינגען פון אונזער לאקאל, אויסדריקען מיינונגען און פארלעגען פלענער ווי אזוי צו מאכען אונזער יוניאן שטארק גענוג צו פראטעקטען די אינטערעסען פון די ארבייטער אין די שעפער. דאס איז די וויכטיגסטע פראבלעם, מיט וועלכער אונזער עקז. ב. איז די גאנצע צייט פערנומען. נאכט און נאכט ארבייטען די מיטגלידער פון דער עקזעקוטיוו באארד און העלפען ארויס דעם אפיס האלטען שאפ מיטינגען פרייוויליג און זעהר צופרידענשטעלענד. דאס זעלבע קען געזאגט ווערען וועגען אונזערע אקטיווע מעמבערס וועלכע זיינען אין דער ארגאניזיישאן קאמיטע. אלע טוען זייער בעסט און מיט דעם אליין צייגט זיך לעבען און האפנונג דאס מיר וועלען בייקומען אלע שוועריגקייטען וועלכע שטעהען אונז אין וועג און מיר וועלען ארויס שטארק און מעכטיג ווי מיר זיינען אלע מאל געווען איידער די קאמוניסטען האבען פערכאפט און באלד ווי פערניכטעט די יוניאן.

קומענדען מאנטאג, דעם 31טען אקטאבער וועלען מיר אפהאלטען רעגולאר און ספעציעלע סעקשאן מיטינגען אין פאלגענדע האלס:

דאון־טאון — בעטהאווען האל, 210 איסט 5טע סטריט.

הארלעם — סאציאליסטישען סענטער, 62 איסט 106טע סטריט.

בראנקס — ארבייטער רינג סענטער, 1581 וואשינגטאן עוועניו.

בראנזוויל — לייבאר לייסעאום, 219 סעקמאן סטריט.

ביי די אויבענדערמאנטע מיטינגען וועלען פערהאנדעלט ווערען פערשידענע וויכטיגע פראגען. איינע פון די איז וועגען פראפארשאנאל רעפרעזענטיישאן צו דער אינטערנעשאנאל קאנווענשאן. וועגען דעם איז שוין פיל גערעדט געווארען. איצט האבען מיר א מעגליכקייט צו זאגען אונזער ווארט. ביי די סעקשאן מיטינגען וועט די פראגע גרינדליך דיסקוטירט ווערען און יעדער מעמבער וועט דורך א סיקרעט באלאט אפגעבען זיין שטימע וועגען דער אנגעלעגענהייט. מיר וועלען ביי די מיטינגען אויך שטימען וועגען דער שטאדט וואו די נעקסטע קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל זאל אפגעהאלטען ווערען.

איך וויל אויך ציהען די אויפמערקזאמקייט פון אונזערע מיטגלידער אויף א פונקט פון דער אינטערנעשאנאל קאנסטיטושאן, ארטיקעל 10 סעקשאן 10 וואס לויטעט אז מיטגלידער וועלכע זיינען שולדיג מעהר ווי 9 מאנאטען דיוס ווערען אויטאמאטיש געשטראכען פון דער יוניאן. אלע די וועלכע האבען נאך נישט איינגעצאהלט זייערע דיוס זיינען ערזוכט דאס צו טאן אום צו פערמיידען אונאנגענעהמליכקייטען.

אלזא, שוועסטער און ברידער, צו דער ארבייט פאר א שעהנער, ריינער און שטארקער יוניאן וועלכע זאל קענען פארטיידיגען די ארבייטער און מאכען מעגליך צו פארבעסערען די באדינגונגען פון די ארבייטער אין טרייד.

א פאר צייטווערטער צו די מעמבערס פון לאקאל 2

פון ה. פריד
(סעקרעטאר פון לאקאל 2)

ברידער און מיטגלידער פון לאקאל 2.

אלס סעקרעטער פון לאקאל 2, ווענד איך זיך צו אייך מיט אן אפיל זיך צוצוגרייטען צום רעפערענדום פאר פראפארשיאנאל רעפרעזענטיישאן, וואס דארף פארקומען נים שפעטער ווי דעם 15טען נאוועמבער.

ווי עס איז אייך באקאנט, האט איהר אלע מאל פארלאנגט, אז עס זאל זיין פראפארשיאנאל רעפרעזענטיישאן אין דער יוניאן, כדי די מיינונג פון יעדען יוניאן מיטגליד זאל זיך הערען גלייך אויף דער העכסטער טריבונע פון דער אינטערנעשאנאל, אויף די קאנווענשאנס. אייער וואונש איז אלע מאל געווען, אז עס זאלען ניט זיין קיין פריווילעגירטע אין די רייהען פון אונזער ארגאניזאציע. איהר קענט איצט אייער וואונש דערפילען מיט דער פולסטער רעכט פון א יוניאן מיטגליד. דאס איז דורכ'ן וואוט. וואס מעהר יוניאן לייט עס וועלען קומען אפגעבען זייערע שטימען ביים רעפערענדום פאר פראפארשיאנאל רעפרעזענטיישאן, אלץ גרעסער זיינען די שאנסען פאר דעם געווינס פון דער זאך, וואס די מעמבערס האבען אלע מאל געוואונשען אז עס זאל דורכגעהן אין דער יוניאן.

מיר בעטען אייך דעריבער, מיטגלידער פון לאקאל 2, פארנאכלעסיגט נים אייער אייגענע געלעגענהייט. גרייט אייך צו צו קומען אין מאסען און אפצוגעבען אייער שטימע אלס בירגער פון דער יוניאן, און אייער וואונש וועט דערפילט ווערען!

* * *

אין דעם איצטיגען אפיל ווילען מיר אין דער זעלבער צייט געבען א ווארנונג צו אונזערע מיטגלידער וועגען דעם בלעטעל, וואס ווערט ארויסגעגעבען פון א נייעם געזינדעל. מיר ווילען זאגען דאס, וואס פרעזידענט מאריס זיגמאן האט פיל מאל ארויסגעבראכט, — אז עס איז ניטא מעהר קיין קאמף אין דער יוניאן און קיין פלאץ פאר א געזינדעל ארויסצוגעבען אזעלכע בלעטלאך.

די דאזיגע בלעטלאך זיינען ניט מעהר ווי פארשטעלטע קאמוניסטישע צילען, און עס מאכט ניט אויס דורך וואס פאר א טיר די ארויסגעווארפענע און ארויסגעשפיגענע חברה ווילען זיך אריינ'גנב'ענען אין דער אינטערנעשאנאל — דאס וועט זיי ניט געלינגען. דאס וואס בר. זיגמאן האט שוין איינציגע מאל ארויסגעבראכט און געזאגט, אז „אין שלום לרשעים", איז געווארען א ניט נעבראכענער געזעץ, וואס וועט ניט געענדערט ווערען. מיט דעם קלאוקמאכער האט די יוניאן שלום געמאכט, און זיי זיינען איצט אלע אין דער יוניאן, און צוזאמען וועלען מיר ציגעל ביי ציגעל די יוניאן אויפבויען; און מיט'ן טייוועל, מיט די קאמוניסטען, וועט די יוניאן קיינמאל קיין שלום ניט מאכען — עס מאכט ניט אויס אונטער וועלכער מאסקע זיי וועלען זיך פארשטעלען.

מיר אפעלירען דעריבער, דאס אויב עס זיינען נאך פאראן א פאר נאאיווע ארבייטער, וואס זיינען פארנארט אינ'ם פארשטעלטען געזינדעל, אז זיי זאלען די חברה גלייך פארלאזען און זיין לאיאל צו דער אינטערנעשאנאל, ווארים עס וועט פון זיי אויך קיין שריד ופליט ניט בלייבען, ווי פון די געוועזענע קאמוניסטישע פארפיהרער, ווייל זיי דינען נאר די צוועקען פון די קאמוניסטען.

די קאמוניסטישע חברה זיינען שוין טויט און זיי וועלען מעהר קיין תחית המתים נים אויפשטעהן.

* * *

מיר ווילען אויך זאגען א פאר ווערטער וועגען דעם קלאנג, וואס האט זיך פארשפרייט, אז מ'נעמט ניט אריין די מעמבערס וואס ווענדען זיך צו דער אינטערנעשאנאל און מ'גיט זיי נאר לעטערס.

וויל איך ערקלערען, אז דאס איז ניט מעהר ווי א קאמוניסטישע פראוואקאציע און א געמיינער ליגען, וואס זיינען פארשפרייטען אבזיכטליך כדי צו דעמאראליזירען ווידער אמאל די מוחות פון די מיטגלידער.

מיר ערקלערען, אז אלע מעמבערס, וואס האבען פארפעהלט זיך צו רעדזשיסטרירען ווערען אריינגענומען אין דער יוניאן, און לעטערס נים מען נאר צו אזוי גערופענע קאמוניסטישע חברה, וואס האבען אנגעפיהרט דעם קאמף' נעגען דער יוניאן און זי רואינירט.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
MORRIS SIGMAN, President — BAROFF, Sec'y-Treas.
MAX D. DANISH, Editor
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. IX. No. 43. — Friday, October 28, 1927
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Post Office at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1920.

דאס פראבלעם פונ'ם קליינעם שאפ אין דער קלאוק אינדוסטריע

פון פיליפ קורינסקי.

3

דער פארשפרייטער כאאס אין קלאוק טרייד — דער איבעל פון קליינעם שאפ און אלץ וואס פיהרט צו א רואינע פון טרייד, און אז אלץ דארף ניט בלייבען ווי עס איז און מ'מוז דורכברעכען א נייעם וועג — אט דאס אלץ האבען שוין איינגעזעהן א סך טעטיגע מעמבערס נאך מיט פילע יאהרען צוריק.

אט וועלען מיר ברענגען א מיינונג וועגען דעם פונ'ם ביזנעס אייג'ענט ב. פיינבערג. זיין מיינונג האט געמאכט א שטיקעל סענסאציע, ווייל ער האט פאר־געלייענט א בריף וועגען דער פראגע, וועלכען ער האט געשריבען אין יאהר 1919 פאר דער „גערעכטיגקייט" און ער איז צוליב אן אומבאוואוסטער אורזאכע דאן ניט אפגעדרוקט געווארען. אין דעם בריף ווערט געגעבען א גלענצענדע אפ־שאצונג וועגען דער לאגע, און איז עט־וואס מעהר ווי א בריף. דער בריף לעזט זיך ווי פאלגט:

„ס'איז א פאקט, אז די קליידער אינ־דוסטריע איז שוין געווען אנטוויקעלט פון די דייטשע „יהודים" און די ארבייטער וועלכע זיינען געווען באשעפטיגט צו יע־נער צייט האבען געארבייט אונטער ניט שלעכטע באדינגונגען. זייער דאמאלס־דיגער לעבעס סטאנדארד איז געווען א צופרידענשטעלענדער. פאר יענער צייט האט די צופרידענשטעלענדע לאגע בלויז אנגעהאלטען ביז עס איז אריינגעקומען אין דער אינדוסטריע דער עלעמענט וועל־כער שטעלט צוזאמען די איצטיגע מא־נופעקטשורערס, אזעלכע ווי סאראווסקי און וועסעל, וועלכע האבען אנגעהויבען צו מאנופעקטשורען אונטער'ן סוועט שאפ סיסטעם און מיטגעבראכט די שרעקליכ־סטע עקספלואטאציע אונטער וועלכער די ניי אריינגעקומענע אימיגראנטען האבען געמוזט ארבייטען.

„א דאנק די רעוואלוציאנער געשטימ־טע ארבייטער, וועלכע זיינען געקומען אין אמעריקא נאך די יאהרען פון 1900, איז געלונגען אין 1910 דורך דעם גענעראל סטרייק צו רעוואלוציאניזירען די אינ־דוסטריע, פארניכטען דעם סוועט שאפ, איינפיהרען בעסערע ארבייטס באדינגונ־גען [illegible] ווייטערער עקספלואטאציע.

„איצט געפינען מיר זיך אין א פע־ריאד [illegible] פאר א צוברעקלונגס פראצעס פון אונזער אינדוסטריע. מיט א מערקווירדיגער שנעלקייט ווערט פאר־ניכטעט דער גרויסער שאפ און אויף זיין פלאץ אנטוויקלען זיך קליינע שאפקעס מיט אלערליי נעמען. און דאס פיהרט אונז צוריק צו די אמאליגע סוועט־שאפ באדינגונגען מיט אלע איבלען און פאל־גען פונ'ם סוועט שאפ.

„די יוניאן פארלירט דעם קאנטראל איבער דעם טייל ארבייטער, וואס דורך דעם דרוק פון די אומשטענדען אונטער־ווארפען זיי זיך ווי שקלאפען צו ארבייטען אונטער אלע שקלאפישע באדינגונגען אין דעם קליינעם שאפ, וואס איז ניט קיין יוניאן שאפ. די ארבייטער קריגען וואס ווייטער אלץ ווייניגער מעגליכקייט צו קריגען א דזשאב אין א גרויסען שאפ, וועלכער איז א יוניאן שאפ, ווייל די טענ־דענץ פון די באסעס אונטער דעם איצ־טיגען סיסטעם פון ארבייט איז צו האבען ביי זיך אויפ'ן פעי־ראל וואס ווייניגער ארבייטער.

„די ערפארונג האט זיי געלערנט, אז ווען זיי האבען א גרעסערע צאהל ארבייטס און א קלענערע צאהל ארבייטער קאסט זיי די ארבייט טייערער צו פראדוצירען, און דאס פיהרט צו דער פארקלענערונג פון דעם שאפ, און ווען א מאנופעקטשו־רער האט מעהר ארבייט ווי זיין מינימום צאהל ארבייטער קענען אויפמאכען איז ער צופרידען די ארבייט אויפצומאכען אויטסייד איידער צו פארגרעסערען זיין שאפ. און דאס האט געפיהרט צו טייל־ווייזען און פולען דזשאבאינג סיסטעם.

„דזשאבינג פארנעמט איצט דעם פלאץ פון דעם גרויסען מאנופעקטשורער און נעמט אדוואנטעדזש פון דעם מארקעט צוליב דעם וואס ער מאכט זיינע ארבייט ביים קאנטראקטאר פון שטיק און דאס גיט איהם א מעגליכקייט צו וויסען דעם „עקזעקט קאסט" פון זיין גארמענט. און דורך דעם קריגט ער דעם פארצוג איבער דעם מאנופעקטשורער, וועלכער וויים ניט די גענויע קאסט פון דעם גארמענט איידער וועלכער איז געצוואונגען צו איבערשא־צען דעם קאסט פון דעם גארמענט. דאס פיהרט דעם מאנופעקטשורער צו דזשא־בינג.

„די ארבייטער, וואס פארלירען דער־ווייל זייערע בעסערע פלעצער צוזאמען מיט די בעסערע באדינגונגען ווערען גע־צוואונגען אנצוקומען צום קאנטראקטאר און פאסען זיך צו צו פיל ערגערע באדינ־גונגען ווי די וואס די יוניאן־סטאנדארדס שטעלען מיט זיך פאר. דער עלעמענט, אמת, איז אזעלכער וואס איז גרייט צו רעוואלטירען געגען אומשטענדען, צו וועלכע ער איז געצוואונגען געווען זיך אונטערצוווארפען. אין אבער פאראן אן אנדער עלעמענט, אן ערגערער; אן עלע־מענט, וואס קומט אריין אין אונזער אינ־דוסטריע טאקע דורך די זעלבע „טשע־נעלס", אבער זיינען געוואוינט צו א ני־דעריגערען לעבענס־סטאנדארד און גרא־בען נאך מעהר אונטער אונזערע באדינ־גונגען, פאר וועלכע מיר האבען אזוי בראוו געקעמפט דורך אונזערע פילע סטרייקס.

„די אלע איבלען האבען זיך אנגעקלי־בען אין די לעצטע פאר יאהר און אומ־שטענדען פאדערען, אז עס זאלען געמאכט ווערען אזעלכע רעפארמען, וועלכע זאלען קענען באשיצען די ארבייטערס אינטע־רעסען. נאך מיין מיינונג, דארפען מיר רעווידירען אונזערע גרונד־רעפארמען, וועלכע מיר האבען איינגעשטעלט אין אונזער אינדוסטריע אין 1919. מיר דארפען זיך ניט שעמען דאס צו טאן. א יוניאן דארף און מוז זיין א לעבעדיגער ארגאניזם, אין וועלכען ס'זאל זיין פלאץ פאר טאקטישע ענדערונגען.

„מיר טארען זיך ניט אוועקשטעלען אויף איין ארט און זאגען: „פון דאנען טרעטען מיר ניט אפ!" מיט אזא טאק־טיק קענען מיר נאך ווערען פארגליווערט. אויב מיר זעהען, אז דער סיסטעם אונ־טער וועלכען מיר ארבייטען איצט ברענגט אונז אזעלכע רעזולטאטען ווי מאנופעק־טשורערס ווערען דזשאבערס און דאס באשאפט אונגעהייערע סקעב־נעסטען; ווען מיר זעהען אז דורך דעם האבען מיר אזוי פיל ארבייטסלאזיגקייט, און אז דורך דעם קומען אריין עלעמענטען מיט נידע־ריגע לעבענס־סטאנדארד; אז דורך דעם האט ניט די יוניאן קיין קאנטראל איבער א גרויסען טייל פון דער ארבייט, וואס ווערט געמאכט פאר אונזער מארקעט, — דאן מוזען מיר קומען צום שלוס, אז דער סיסטעם, אונטער וועלכען מיר ארבייטען, איז ניט פון דער ערשטער וויכטיגקייט, ווייל דער סיסטעם פון ארבייט איז ניט קיין פרינציפ, ס'איז בלויז א מיטעל צו פארבעסערען די לאגע פונ'ם יוניאן־מאן.

„און אויב מיר קומען צום לאגישען שלוס, אז דער סיסטעם איז ניט קיין פרינציפ, נאר א מיטעל, — דאן מוזען מיר קומען צו אן אנדער לאגישען שלוס, אז ווען די לאגע פונ'ם יוניאן־מאן ווערט דורך א געוויסען סיסטעם פון ארבייט ערגער אנשטאט בעסער, מוזען מיר דעם סיסטעם רעווידירען און צוריקציהען. ווייל ס'איז פיל געזינטער פאר א יוניאן צו מאכען אן ארגאניזירטען צוריקטריט איידער צו דולדען א צושטאנד, וואו אונ־זערע יוניאן לייט זאלען מאכען אינדי־ווידועלע צוריקטרעטונגען, ווי די וועלכע פיהרט צו פיינדליכע באציהונגען פונ'ם יוניאן־מאן צו זיין יוניאן און צו א שרעק־ליכער דעמאראליזאציע אין דער אינדוס־טריע.

„מיר מוזען זיך דעריבער צופאסען צו דער פארמע פון ארבייט, וואס איז די לאגישסטע פונ'ם ספעציפישען כאראק־טער פון אונזער אינדוסטריע, — ברענגט ארויס פיינבערג זיין שלוס־מיינונג; און די פארמע פון ארבייט, וועלכע איז די לאגישסטע, — זאגט פיינבערג, — איז שטיק־ארבייט".

ביי דער רעזומע פון אלע מיינונגען וועלען מיר זיך אויך אפשטעלען אויף דעם בריף, אין וועלכען עס ווערט ארומ־גערעדט לאגיש דער ענין. אבער דאך זיי־נען מיר ניט איינשטימיג מיט געוויסע שטעלען אין דעם בריף. דערווייל, אין דעם היינטיגען ארטיקעל, וועלען מיר נאר פארענדיגען מיט די מיינונגען פון אנדערע יוניאן־טוער, וואס האבען אנטייל גענומען אין דער דעבאטע וועגען דעם ענין.

בר. ליבערטא, ביזנעס אייג'ענט פון לאקאל 48, דענקט, אז דער איינציגער וועג צוריקצוברענגען דעם גרויסען שאפ איז צו נוצען דירעקטע אקציאן. דאס דארף זיין, לויט זיין מיינונג, דורך אר־גאניזיישאן קאמפיינס. ער [illegible] די פראגע מיט א רעוואלוציאנערען סינדי־קאליסטישען אויספיהר, דערקלערענדיג אז אין איטאליע האבען די ארבייטער געמאכט ניט נאר די באלעבאטים צו אנ־ערקענען געוויסע ארבייטער פאדערונגען נאר אויך געצוואונגען די רעגירונג צו לעגאליזירען זאכען פאר דער יוניאן'ס צוועק וואס זיינען פריהער ניט געווען לעגאל, לויט דער רעגירונגס שטאנדפונקט. אויב, זאגט ער, מען קען צווינגען א רע־גירונג דאס צו טאן, זעהט ער ניט איין פאר וואס מען קען ניט דורך א שטארקען ארגאניזאציאנס קאמפיין אפשאפען די אלע קליינע שעפער, וואס דורך דעם וועט דער גרויסער שאפ ממילא קומען צום לעבען.

ברודער מאזער, סעקרעטאר פון דעם דזשאינט באארד, שטימט ניט איין מיט שטיק־ארבייט. ער זאגט, אז די יוניאן קאנטראלירט יא די אינדוסטריע. ער ברענגט ארויס די מיינונג, אז מ'קען צו־ריקברענגען דעם גרויסען שאפ דורכדעם וואס די יוניאן זאל נאר פארטיידיגען א מינימום וויידזש פון ארבייטער. נאכדעם זאל דאס בלייבען צום אינדיווידועלען אר־בייטער צו פארטיידיגען זיין פעהיגקייט אלס פראדוקטיווער מענש, ווייל ווען עס איז א פארלאנג אויף ארבייטער ווערען וויידזשעס במילא גערייזט. אויב, זאגט ער, מען זאל דארפען מאכען א קאנצעסיע פון דיסטשארדזש, דענקט ער, אז מען וואלט דאס געמעגט טאן, ווייל דיס־טשארדזש איז סיי ווי סיי ניט קיין פרא־בלעם. די צעהנדליגע קליינע שאפקעס, וואס געהען אלע מאל ארויס פון ביזנעס און ווארפען ארויס אזוי ארום מאסען ארבייטער, איז א גרעסערער פראבלעם פאר דער יוניאן ווי די דיסטשארדזש־פראגע. אזוי לאנג ווי די באלעבאטים וועלען דארפען באשעפטיגען יוניאן־לייט און דער סיסטעם וועט זיין אזעלכער אז ס'וועט ניט זיין קיין ארבייטסלאזע, איז די דיסטשארדזש־פראגע קיין פראבלעם ניט.

קוירצמאן, מענעדזשער פון לאקאל 9, איז ניט איינשטימיג מיט שטיק־ארבייט. און קאפלאן, טשערמאן פון דזשאינט באארד, איז דאפיר אז א קאמיטע פון ביידע צדדים זאל פריהער זיך באגעגנען און אויסארבייטען א פלאן ווי אזוי צו־ריקצוברענגען דעם גרויסען שאפ. פולינג, ביזנעס אייג'ענט פון לאקאל 22, גלויבט אין גאנצען ניט אין קיין דיסקו־סיעס און אין קיין קאמיטעס. די קאמי־שאנס, זאגט ער, זיינען געווען ניט מעהר ווי א פיאסקא. מען דארף צוזאמענגע־מען די מאנופעקטשורערס און זאגען זיי, וואס די יוניאן וויל, און אויב זיי ווילען איינפיהרען דעם גרויסען שאפ און פאר־לאנגען דערפאר קאנצעסיעס דארף מען זיין גרייט צו מאכען קאנצעסיעס.

פריד, סעקרעטער פון לאקאל 2, איז מיט דער מיינונג, אז שטיק־ארבייט וועט ניט לייזען דעם פראבלעם. א באוויז איז, אז ביי די דרעס־מאכער איז פאראן שטיק־ארבייט און עס הערשען די זעלבע איבלען. ער איז מיט דער מיינונג, אז וואך־ארבייט דארף הערשען, נאר עס זאל אויסגעגליכען ווערען די קאסט אוו פרא־דאקשאן. פון דעם וואס דער קאסט אוו פראדאקשאן איז א פארשיידענארטיגער, באשאפט עס קאנקורענץ. עס מוז דע־ריבער געשאפען ווערען א דזשאינט עקס־פערטס קאמיטע פון ביידע צדדים, צו וועלכער די שאפ קאמיטעס זאלן באהיל־פיג זיין און ברענגען דעם קאסט אוו פרא־דאקשאן צו א גלייכען סטאנדארד; און ווען די סטאנדארדיזירונג און רעגולירונג פון די פרייזען וועלען עררייכט ווערען, וועט עס במילא אפשאפען די קאנקורענץ. די באלעבאטים וועלען איינזעהן, אז עס לוינט זיך ניט ארויסצוגעבען קיין ארבייט אויטסייד און זוכען אלע מאל א נייעם קאנטראקטאר אין דער צייט וואס עס קאסט זיי דער זעלבער פרייז איבעראל.

ברודער פערלמוטער, מענעדזשער פון אינדעפענדענט דעפארטמענט, רעדט פע־סימיסטיש וועגען ברענגען א לייזונג, ווי אפצושאפען די איבלען וואס הערשען אין דער קליידער־אינדוסטריע. ער גלויבט גאר ניט, אז ס'איז פאראן אזא געניע, וואס זאל דאס קענען באווייזען צו טאן. די אורזאכע ווארום ער דענקט, אז קיי־נער קען ניט באווייזען צו לייזען דעם פראבלעם, איז ווייל יעדער גארנישט קען ווערען א מאנופעקטשורער אין אונזער טרייד. ביי קלאוקס און דרעסעס איז ניט אזוי ווי ביי דער שטאל־אינדוסטריע אדער ביים בילדינג־טרייד, וואס אז איי־נער שטעלט אוועק א בילדינג מוז עס שטעהן אויפ'ן זעלבען פלאץ. ס'איז ניט קיין טרעסס, וואס וואו מען לייגט זיי אוועק דארטען געפינען זיי זיך און מוזען בלייבען ליגען. די ארבייט קען מען מא־כען אין א קליינעם שאפ און אפילו אין א בעדרום. און דאס פיהרט צו די איבלען.

פערלמוטער קומט אבער צום שלוס, אז אויב מען קען צוריקברענגען דעם גרוי־סען שאפ דורך שטיק־ארבייט, דארף מען עס טאן. ער איז מיט דער מיינונג, אז דער מאנופעקטשורער וויים ניט ביי וואך־ארבייט וואס א שטיק ארבייט וועט איהם קאסטען. ביי וואך־ארבייט קען דער בא־לעבאס קיינמאל ניט וויסען אויף וויפיל דער צווייטער באס קען מיט איהם קאנ־קורירען. דעריבער, ווען עס קומט צו איהם א קאנטראקטאר און גיט איהם א ביליגען פרייז, איז נאטירליך אז ער זאל די ארבייט אוועקגעבען צום קאנטראק־טאר. ביי שטיק־ארבייט קען טאקע דעם באס אפשר קאסטען מיט 10 סענט אויפ'ן גארמענט מעהר, אבער צוליב אזא ניש־טיגען אונטערשייד וועט ער ניט וועלען ארויסגעבען די ארבייט אויטסייד, ווייל עס וועט פאר איהם ווערט זיין די 10 סענט צו קענען קאנטראלירען די ארבייט ביי זיך אין שאפ און אגב וועט די אר־בייט זיין בעסער געמאכט אינסייד.

וואס אנבאלאנגט די דיסטשארדזש־פראגע, איז ער געגען געבען דאס רעכט פון דיסטשארדזש צו די באסעס. אין די לעדזשיטימייט שעפער איז טאקע ניטא די דיסטשארדזש פראגע, ווייל די באלע־באטים זיינען מער פאראנטווארטליך און מען קען מיט זיי אויסקומען. מען מוז אבער נעמען אין אנבאטראכט די קליינע שעפער, די מעהר אונפאראנטווארטליכע, וועלכע וועלען זיכער נעמען אדוואנטעדזש פון אזא פרייהייט און וועלען ווארפען די ארבייטער פון די שעפער ווי האליש־קעס. ער איז דעריבער מיט דער מיי־נונג, אז מען טאר אזא קאנצעסיע ניט געבען די באסעס.

מיר זיינען פארטיג מיט די אלע מיי־נונגען. אין נעקסטען ארטיקעל וועלען מיר געבען אן איבערבליק וועגען אלעס, וואס איז דא געזאגט געווארען, און דער־נאך וועלען די מעמבערס האבען דאס ווארט. די שפאלטען פון דער „גערעכ־טיגקייט" וועלען זיין ברייט אפען פאר די מעמבערס די פראגע צו דיסקוטירען.

טויזענטער מיטגלידער און פריינד פון יוניטי הויז וועלען זיך משמח זיין אויף דעם אונטערהאלט שבת, דעם 10טען דעצעמבער

שעהנער טאנץ אווענט מיט באגייסטערטע מוזיק. — די בארימטע שפילערס פאל וויטמאנ'ס פיקאדילי בענד אנגאזשירט עקסטרא פאר דעם פרעה־ליכען שבת אווענט.

יעדער איינער רעדט איצט וועגען דעם יוניטי הויז טאנץ, וואס וועט פארקומען שבת אווענט, דעם 10טען דעצעמבער, אין דעם באל־רום פון מאנהעטען אפערא הויז, 34טע סטריט לעבען 8טע עוועניו.

טויזענטער מיטגלידער און פריינט גרייטען זיך צו דער אונטערנעמונג. זייער אינטערעס צו זיין אויף דער אונטערנע־מונג ווערט גערייצט פון פארשיידענע אורזאכען — די שעהנקייט פונ'ם האל, אין וועלכען דער טאנץ וועט אפגעהאל־טען ווערען; - די וואונדערבארע מוזיק, וואס די פאול וויטמאן פיקאדילי שפילער וועלען שפילען, און מעהר פון אלעס איז ביי זיי פאראן א באגעהר ווידער צו זעהן זיך מיט די פריינד, מיט וועלכע זיי האבען צוזאמען פארבראכט א פרעהליכען וואקיישאן אין יוניטי הויז. א סך פון אונזערע מיטגלידער, וועלכע האבען פאר־פעהלט צו זיין אין יוניטי הויז, זיינען איצט נייגעריג צו אטענדען די רי־יוניאן אונטערנעמונג, כדי צו באגעגנען זיך מיט אלע זייערע פריינד און אלטע בא־קאנטע.

מיר באדויערען בלויז דעם פאקט, וואס דער באל־רום פון מאנהעטען אפערא הויז איז צו קליין אריינצונעמען אלעמען, וואס ווילען קומען צו דער אונטערנעמונג. מיר האבען געוואלט קריגען א גרעסערען האל פאר דער אונטערנעמונג, כדי צו־פרידענצושטעלען אלע אונזערע פריינד, אבער מיר האבען קיין גרעסערען האל אויף דער צייט ניט געקענט געפינען, — וועלען מיר זיך מוזען באנוגענען מיט דעם האל וואס מיר האבען געקראגען און מא־כען אונזער שמחה אזוי רייך ווי מעגליך.

אזוי ווי דער ציל פון דער אונטער־נעמונג איז ניט קיין פראפיט־זאך, נאר עקסטרא אראנזשירט אז פריינד און בא־קאנטע זאלען האבען א געלעגענהייט צו באגעגענען איינער דעם אנדערען און זיך משמח זיין, האבען מיר דעריבער בא־שלאסען אז א טיקעט זאל קאסטען ניט מעהר ווי א דאלאר איינשליסענדיג ווארד־ראב. די טיקעטס קען מען באקומען אין עדיוקיישאנאל דעפארטמענט פון אונזער אינטערנעשאנעל, 3 וועסט 16טע סטריט. טעלעפאן: טשעלסי 2148.

אויב איהר ווילט זיכער זיין, אז איהר וועט קענען אנוועזענד זיין אויף דער טאנץ־אונטערנעמונג, מוזט איהר קריגען טיקעטס וואס פריהער.

אלזא, פארגעסט ניט צו קומען צום יוניטי רי־יוניאן טאנץ, שבת, 10טען דעצעמבער.

ווייסט איהר, ווי עס האט זיך אנטוויקעלט די אידישע ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא? לעזט די געשיכטע פון דער אינטערנעשאנעל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן, פון דר. לואיס לעווין, און איהר וועט מיט אלע באקאנט ווערען.

א סעמפעל פון קאמונים־טישער ארבייט

פון דייוויד קארט, מיטגליד לאקאל 18.

הערט און אורטיילט, ווי מענשען, וועלכע פרעטענדירען צו זיין פראגרעסיוו, שרייבען אין זייער „פרייהייט״ פון אקטאבער דעם 3טען.

שרייבט דער געוועזענער גראסערימאן און איצטיגער שנארער פון דעם בלעטל:

„פון זיכערע קוועלען האט מען זיך דא דערוואוסט, אז ביי א קאנפערענץ, וואס די אגענטען פון זינגמאן׳ס סקעב קרעמעל אין שיקאגא האבען געהאט מיט פארטרעטער פון די באלעבאטים, האבען זיי צוגעזאגט די פאבריקאנטען א נייעם אגרימענט פאר דעם קומענדיגען סיזאן. דער אגרימענט זאל געבען די באלעבאטים דאס רעכט איינצופיהרען שטיק ארבייט אין דער קלאוק אינדוסטריע אין שיקאגא און דאס רעכט צו ווארפען ארבייטער פון די שעפער ווען די באסעס וועלען נאר וועלען״.

אט מיט אזעלכע באבע-מעשה׳לאך ווילען זיי דאס קארמענען אונזערע ארבייטער, און דיזע חברה ווילען עם דיקטירען דעם גאנג פון דער ארבייטער באוועגונג!

יעצט א פאר פאקטען און מיר וועלען זעהן די חברה אין איהר אמת׳ער געשטאלט.

ברודער זינגמאן איז דא געווען צוריק מיט א פאר מאנאטען, און געקומען איז ער אויף דעם רוף פון די יעניגע, וועלכע האבען פארבראכט אלע זייערע יאהרען אין דער טרייד יוניאן באוועגונג און האבען זיך ניט געלאזט פיהרען ביים נאז פון דער טרייד יוניאן עדיוקיישאנעל ליג. האבען די קאמוניסטען ארויסגעלאזען א קלאנג אז זינגמאן האט געהאט א קאנפערענץ מיט די באלעבאטים און אז ער ניט זיי קאנצעסיעס, נעמליך, רעארגאניזיישאן, רעדאקשאן אין ווייזשעס און אלעם וואס זייער שווארצע פאנטאזיע איז פעהיג אויסצוקלערען.

איך האב נאטירליך געוואוסט, אז דאס איז דער קול פון די דעמאגאגען, ווייל צופיל האב איך צוטרויען צו אונזער באליבטען ברודער זינגמאן. איך האב גערעדט מיט זינגמאנ׳ען און זיין ענטפער איז געווען:

— גלויבט איהר דען וואס די שארלאטאנעס קענען אויסטראכטען? און ווייטער, דאכט זיך איהר האט געזאגט אז איהר ארבייט ביי העליסבערג׳ן. ער איז דער פרעזידענט פון דער אסאסיאיישאן. אויב איהר וועט האבען א געלעגענהייט, פרעגט זיך נאך ביי איהם״.

איך האב לאנג ניט געדארפט ווארטען און געקראגען אן ענטפער, נים ווייל איך האב גערעדט מיט דעם באס. ווי קומט א „געגנסטער״, ווי זיי רופען יעצט יעדען איבערגעבענעם טרייד יוניאן ארבייטער, נאר ז י י האבען גערעדט. און דער באס האט זיי געענטפערט. פאסירט האט אט וואס:

זיי זיינען געקומען צום באס און געזאגט: מיסטער העליסבערג, פאר וואס זאלט איהר ניט זיין נייטראל? האנדעלט מיט אונז אינדעפענדענט.

זיין ענטפער איז געווען: איך וואלט דאס געטאן מיט פארגעניגען, ווייל דעם בענעפים וואלט איך געהאט, נאר מ׳וועט מיר נים לאזען. די מאדזשאריטי אין מיין שאפ, די אפערייטארס, פרעסערס, קאטערס, שניידערס זיינען מיט דער אינטערנעשאנעל, און זיים וויסען, אז ס׳האט גענומען 20 יאהר צו שאפען א יוניאן און צוברעכען זי ווילט איהר זעהר שנעל.

יעס, דאס איז דאס ווארט, וואס ער האט געענטפערט. דאס איז געווען דינער-טיים. שטעהענדיג דערביי בין איך געווארען שטארק צוקאכט און האב זיי דארט גלייך געזאגט: שעמען מעגט איהר זיך מיט אייערע פארשלאגען! איהר ווילט מאכען דא א נאן-יוניאן שאפ, און דער באס דארף אייך אגיטירען צו באלאנגען צו דער יוניאן!

ס׳איז געווארען א טומעל און דערמים האט זיך דאס געענדיגט. דער בעל הבית האט געקלונגען און מען האט זיך גענומען צו דער ארבייט.

א גאנצען טאג בין איך געשטאנען ווי א צומישטער פון זייער טייערער רעדע און האב געטראכט, אז זייער פלאץ איז אין א משוגעים-הויז. פארנאכט נעמט זיך איינע א מיסעס קאהן פעדלען מיט איהר קרעמעל פאר דעם באס. איך שטעה און הער זיך איין; ס׳קערט די גאל. ווען איך רוף זיך אן מיט א ווארט, באליידיגט זי נאר, ווי זיי זיינען פעהיג. צום סוף זאגט זי צום באס: „איך וויים, אז איהר האלט מיט זינגמאנ׳ען, ווייל ער גיט אייך קאנסעשאנס״.

דאן גיב איך זיך א שטעל אויף:

— מיסטער העליסבערג, — זאג איך,

— איהר האט גערעדט מיט זינגמאנ׳ען, יעס אדער נים? פליז, מיסטער העליסבערג, איהר זיינט א דזשענטעלמען. איך וויל איהר זאלט אונז איבערגעבען אלץ, און אויב עם וועט באשטעטיגט ווערן וואס זיי זאגען, ווער איך א לינקער און האב מיט זינגמאנ׳ען גאר ניט וואס צו טאן, ווייל איך באלאנג אין דער יוניאן פאר מיין בענעפיט און ניט פאר זינגמאן׳ס בענעפיט.

דער באס רופט זיך אן מיט א שטילער שטימע:

— ווען זיי האבען אנגעהויבען זאגען, אז זינגמאן האט געגעבען די באסעס א פרייע האנט אין ניו יארק און וועט דא טאן דאס זעלבע, זיינען מיר אוועק צו זינגמאנ׳ען אין האטעל און גערעדט מיט איהם וואס ער דענקט צו טאן אין שיקאגא, ווארים מיר ווילען עס וויסען. זיין ענטפער איז געווען: איך בין דער פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל און די שיקאגא׳ר לאקאלס באלאנגען צו דער אינטערנעשאנאל. אין שיקאגא בין איך געקומען צו טאן געוויסע קאנסטרוקטיווע ארבייט פאר דער ארגאניזאציע און נים צוליב עפעס אנדערש. „דענקט איהר נים, מיסטער זינגמאן, צו מאכען א טשיינדזש?״ האבען מיר איהם געפרעגט. „ניין, — האט ער געענטפערט, — איהר האט אן אגרימענט, וועלכען איך וואלט אייך קיינמאל נים געגעבען. דער אגרימענט איז 42 שטונדען און מ׳ארבייט 46 שטונדען. ווען מיר מאכען קורצע שטונדען מיינען מיר דערמיט צו לייזען די ארבייטסלאזען פראגע און שאפען לענגערע סעזאנס; אבער אז מען ארבייט 46 שטונדען — אמת, איהר באצאהלט פאר דעם, אבער דער לעדיגער באלמעלאכע בלייבט אלץ אין דרויסען און ליידט״.

— איהר הערט ווערטער? — ווענד איך זיך צו דער חברה. — אבער זיי האבען שוין מעהר גארניט געהאט וואס צו ענטפערען.

יעצט א צווייטען פאקט. —

מיר האבען דא א שאפ קירשענזאן. איז פאר ראש השנה געהט צו דער פארמאן צו די פרעסערס און זאגט זיי: „מיר וועלען מארגען, שבת, ארבייטען״. סאדין, דער טשערמאן פון די פרעסערס, פרעגט אים: „ווער האט עס ערלויבט?״ דער פארמאן שטאמעלט: „איך וויים, יענע דארטען, די צווייטע, ווי רופט איהר זיי דארטען, די סקעב-קרעמעל״. סאדין׳ס ענטפער איז געווען: „איך וועל אפרופען די יוניאן און פרעגען״.

גערעדט און געטאן. ער רופט אפ די יוניאן, און ברודער ביאליס ענטפערט, אז מען מעג ארבייטען פאר טיים און א האלב. „אלרייט״, ענטפערט סאדין און הענגט אויף דעם רעסיווער. דער פארמאן פרעגט סאדינ׳ען: „נו, מ׳מעג״. „יעס סער, מ׳מעג, נאר פאר טיים און א האלב״. דער פארמאן רופט אפ די יוניאן און קריגט דעם זעלבען ענטפער.

דער סוף איז געווען, אז קיינער האט ניט געארבייט, ווייל די פארשוינען האבען שוין געהאט אפגעמאכט צו ארבייטען פאר רעגעלע ווייזשעס און, געוויינליך, דער באס האט ניט געוואלט צאהלען קיין טיים און א האלב, און די אמת׳ע יוניאן לייט האבען ניט געוואלט און האבען אויסגעפאלגט דער יוניאן׳ס ארדערס.

ווען מען האט געפרעגט א לינקען פון דעם שאפ פאר וואס ער ארבייט ניט, האט ער געזאגט: „דער באס וויל, אז נים אלע זאלען ארבייטען, נאר אייניגע, האבען מיר זיך אנטזאגט״. איהר הערט, אן אונפארשעמטען ליגען?!

זיי זאגען, אז זיי ווילען שלום. יעס, מיר זיינען פאר שלום אין דער יוניאן. די טירען זיינען אפען פאר פיינע לייטע און איהר וועט זיך מוזען באהייווען ווי יוניאן-לייט!

א שיקאגא׳ער פיידזש

ביים דיוס פענסטער איז ביזי

פון מארים ביאלים, מעמבער לאקאל 5.

ווען אימיצער וויל באמת קריגען א באגריף וואס עס טוט זיך אין דער יוניאן, דארף ער אריינקומען אין די יוניאן-העדקוואטערס צווישען 12 און 1 אזייגער, הויפטזעכליך מיטוואך, — ווייל געוועהנליך איז דינסטאג „פעי-דעי״, — וועט ער זעהן וואס פאר א לייגס עס שטעהען ביי די פענסטער און צאהלען דיוס.

די, וואס קענען אונזער סעקרעטער, בר. גאלדשטיין, פארשפארען אפילו צו קומען אין אפיס אום צו האבען א באגריף פון דער יוניאן. אלעס וואס זיי דארפען איז נאר א קוק טאן אויף גאלדשטיין׳ס פנים און זיי וועלען באלד דערקענען אז די פינאנציעלע לאגע פון דער יוניאן איז אזוי גוט, אז ער פארגינט זיך שוין צו שמייכלען!

אונזערע שונאים וועלען אפשר מיינע ווערטער אויסטייטשען אויף זייער שטייגער און זאגען אודאי: „עם שמייכעלט זיך זיי, אז מען צאהלט דיוס. עס וועט זיין פעידע״. וועל איך זיי גלייך ענטפערען און זאגען: ניין, חברה. דער שמייכעל באדייט, אז וויבאלד די מעמבערס צאהלען דיוס איז א סימן אז אונזער יוניאן ווערט געשטארקט און אז איהר עקזיסטענץ ווערט געזיכערט, ווייל אין געוועהנליכע צייטען, ווען די יוניאן איז ניט געווען ארומגערינגעלט מיט קיין שונאים וועלכע לויערען איהר צו פארניכטען, פלעגט מען אויך מעסטען די שטארקייט פון דער יוניאן לויט דער צאהל דיוס-צאהלענדע מיטגלידער. ספעציעל יעצט, ווען אלע צושטערענדע כחות האבען געמאכט איין קאמבינאציע און זוכען דורך אלע מיטלען צו צוברעכען די מאראל פון די מעמבערס און פארניכטען אונזער יוניאן, מעג מען דאך אודאי און אודאי באטראכטען דעם פאקט וואס די מעמבערס קומען צאהלען דיוס אלס א סימן פון דער יוניאן׳ס שטארקייט.

עם איז טאקע אויך אמת, אז דער ערפאלג פון א יוניאן קען נים געמאסטען ווערען בלויז נאך די דיוס וואס עס קומט אריין. די יוניאן הענגט אויך אפ אן דער אינטעליגענץ און קלאסען-באוואוסטזיין פון איהרע מיטגלידער. איך גלויב אבער, אז דער פאקט וואס די מיטגלידער צאהלען יעצט זייערע דיוס אזוי שעהן, באווייזט טאקע אז נים נאר ווערט יעצט די יוניאן געשטארקט נאר אז די מיטגלידער זיינען טאקע אינטעליגענט און קלאסען-באוואוסט, ווייל וואלטען זיי דאס נים געווען האבען זיי יעצט געהאט א געלעגענהיים נים צו צאהלען קיין דיוס, אם וועניגסטענס פאר א שטיקעל צייט.

עס וועט פילייכט וואונדערען אימיצען, וואס איך רייד דא אזוי פיל וועגען דער דיוס-פראגע. און אייגענטליך וואס איז דאס טאקע פאר אזא גרויסע געשעהעניש? די מעמבערס צאהלען דיוס — נו, צאהלען זיי. מען דארף וועגען דעם אזוי פיל שרייבען אדער ריידען ווי וועגען דעם וואס מען טראגט א קאפעליוש אויפ׳ן קאפ און נים אויף די פים!

יע, איך וואלט געווען פאלשטענדיג איינפארשטאנען מיט אלע וואס מיינען אזוי, ווען אונזערע געגנער וואלטען פון דער דיוס-פראגע נים געמאכט קיין גיפטיגע פיילען וועלכע זיי שיסען אין אונזער לאגער אריין!

מיט אייניגע טעג צוריק ווייזט מיר א קלאוקמאכער א שטיקעל נייעס אין דעם „אידישען קוריער״, — די צייטונג, וואס די ארבייטער רופען אן נים „אידישער קוריער״, נאר דער „אידישער״ און אנשטאט קוריער אן אנדער ווארט, וואס פאנגט זיך אן מיט א „ק״. די שטיקעל נייעס לעזט זיך, אז די אינטערנעשאנאל האט ארגאנעשיקט דעמביצע׳ן אין שיקאגא מיט געלט, ווייל די מעמבערס צאהלען קיין דיוס נים און עס איז נישטא קיין פעידע פאר די דעסק-באזיצער!

אויבערפלעכליך מיינט די שטיקעל ליגנערישע נייעס גארנים, ווייל ווער וועט דאס נעמען אין אנבאטראכט וואס דער „קוריער״ שרייבט דארטען. די היגע ארבייטער ווייסען צו גוט, אז דער „קוריער״, וועלכער גיט יעצט אפ אזוי פיל פלאץ פאר יוניאן-נייעס, האט זיך קיינמאל נים פאראינטערעסירט מיט די צרות און דאגות פון די ארבייטער און האט קיינמאל נים צוגעלעגט קיין פינגער ווען די ארבייטער האבען מיט זייער שווייס און בלוט געארבייט צו ארגאניזירען זיך אין יוניאנס. דערפאר האט ער אבער זיי פארשאפט פיל הארץ-וועהטאג און ליידען אין צייט פון סטרייקס. און יעצט, ווען די היגע קאמוניסטען האבען געדארפט האבען א מלאך-המות פאר דער יוניאן, האבען זיי זיך געווענדעט צום „קוריער״ און איהם געמאכט פאר דעם ארגאן, דורך וועלכען זיי שיסען מיט פעך און מיט שוועבעל אויף דער יוניאן. די שטיקעל נייעס וועגען דעם, אז די מעמבערס צאהלען נים קיין דיוס און אז דעמביצער איז געקומען אהער מיט געלט, האבען די קא־

(שלוס אויף זייט 11)

דער היסטארישער „סטרייק״

פון אן אייגענעם

ערשטע סצענע.

(די סצענע קומט פאר בעפאר דעם היסטארישען לינקען דזשענעראל סטרייק אין שיקאגא, אין א קליינע ענגע רום, וועלכע איז אנגעפילט מיט רויך — כאווער דייווידסאן, קאמיסאר פון גענעראל-שטאב זיצט לעבען א דעסק, אויף וועלכען עס איז אנגעלייגט אין אומארדנונג אלערליי פאפירען, דערהויפט צייטונגען, ווי דער „קוריער״, „פרייהייט״ און אויך האלב-אויסגערויכערטע סיגארס און סיגארעטס).

ד י י וו י ד ס א ן (האלטענדיג אין דער לינקער האנט א פייפ, וועלכען ער האט נאר וואס פאררויכערט און לאזט ארויס דעם רויך לאנגזאם, ווענדענדיג זיך צו די אנוועזענדע): חברה, מיר זיינען דאך אלע אייגענע מענשען, אייך מעג איך דאך זאגען דעם אמת, אז דער קאמף איז נים צום בעסטען. די לאגע איז פאסקודנע, נים זעהר גוט, נים זעהר גוט. די רעכטע חברה פון ביורען סטרים לאזען אונז פשוט די קעפ נים אויפהויבען. וואו מיר זאלען נים קומען זיינען זיי דא מיט גרויסע קאמיטעס פון קלאוק מאכער. יעס, פון קלאוק מאכער, וועלכע מען קען נים בלאפען. איהר ווייסט דאך, אין דער „פרייהייט״ מוזען מיר שרייבען פאר לייטען, אז דאס זיינען געגנסטערס און נים קיין מעמבערס פון דער יוניאן, אבער מיר ווייסען דאך דעם אמת, אז דאס זיינען אלטע מעמבערס פון דער יוניאן, וועלכע זיינען אימער אויף דער וואך און פארפאלגען אונזער יעדען טרים. הלוואי האבען מיר זיי! א, ווען זיי זיינען אויף אונזער זיים, וואלטען מיר גאר אנדערש גערעדט. אבער, עס ווייזט אוים, אז די קלאוק מאכער זיינען נים מיט אונז. איך קאן דאס נים פארשטעהן... איך האב זיך גאר אפגענארט אין די קלאוק מאכער,.. אז זיי ווילען אפילו נים הערען פון אונז. טאמער האבען מיר עטלאכע מיידלאך... אבער וואס פאר א ווערדע האט דאס? דאס איז נים די יוניאן. עפעס מוז געטאן ווערען טאקע באלד, אז נים — איך וויל דאס נים זאגען — אז נים, זיינען מיר פארלארען.

כ א וו ע ר ל ע וו י ן (אסיסטענט קאמיסאר, זיצט פארלייגט א פוס אויף א פוס, האלט די לינקע האנט אין לינקען פאקעט און מיט דער רעכטער אונטערגעשפארט דעם קאפ): יע, כאווער דייווידסאן האט ארויסגעזאגט א טרויעריגען אמת, אבער וואס זאל מען טאן? עפעס מוז דאך געטאן ווערען, אנים מוזען מיר איינפאקען.

כ א וו ע ר ט ע א י י ד ע (א הויכע און א דארע, מיט א לאנגער האלז, רויטע האר, פלעקען אויפ׳ן פנים, גיט זיך א שטעל אויף מיט כעס): וואס מ׳זאל טאן, פרעגט איהר? פייגלינגע וואס איהר זיינט! טרוסען! איהר קענט פיהרען א קאמף? איהר זיינט דאך עפעס קאמוניסטען, ווייסט איהר דאך וואס מען דארף טאן! קאמוניסטען מוזען קעמפען אפילו ווען מיר ווייסען אז מיר זיינען פארלארען! ווען די פארטיי האט באשלאסען אז מיר דארפען פארכאפען די יוניאן פאר דער פארטיי, מוזען מיר דאס טאן, און אויב מיר קענען נים קאנטראלירען די יוניאן, זאלען מיר בעסער זי צוברעכען, איידער איבערלאזען די יוניאן פאר זינגמאנ׳ס חברה, וואו די קאמוניסטישע פארטיי וועט גארנים האבען וואס צו זאגען! ניין, ניין, מיר מוזען קעמפען!...

מ י י מ י (א סאלדאטקע פון דער רויטער ארמיי, מיט א באנ׳ס באב): וואס דען, דאס איז ביי אייך א קאמף! פאקראנימערע, אין ניו יארק, ביי די דזשאינט עקשאן קאמיטע — דארטען איז געווען א קאמף! א רעוואלוציע! דארט אין אפים איז געווען פריילאך... אבער דא? — אויך מיר א רעוואלוציע!

(אלע בלייבען שטיל, די קעפ ארונטערגעלאזען און פארטראכט).

כ א וו ע ר ד י י וו י ד ס א ן: די איינציגע זאך, וואס קען אונז העלפען איז א דזשענעראל סטרייק פון די גרעסטע שעפער. דאס וועט זיין א נאקאוט פאר די רעכטע חברה... מיר דארפען אפשטעלען די גרעסטע שעפער, אז אפילו א רעדעל זאל זיך נים דרייען, און דאן וועלען מיר דערגרייכען צוויי זאכען: ערשטענס, וועלען די בעלי הבתים מוזען קומען צו אונז סעטלען, און, צווייטענס, אפילו אז די ארבייטער וועלען אונז נים פאלגען און נים סטאפען פון דער ארבייט, וועלען מיר אבער צייגען פאר די קאמוניסטישע פארטיי אז מיר טוען עפעס און מיר וועלען קענען שרייבען אין „קוריער״ און אין דער „פרייהייט״, אז עס איז א גרויסער דזשענעראל סטרייק און מיר מוזען האבען געלט, ווייל איהר ווייסט דאך, אז געלט האבען מיר פארדאמט וויינינג. אויף דעם רעכענונג וועלען מיר קענען אפעלירען פאר געלט. מיר וועלען קענען מאכען קאלעקשאנס, עס וועט אריינקומען א פאר דאלאר פאר פעי-דעי...

כ א וו ע ר ז ע ף (רעדט אונטער׳ן נאז): יע, יע, פיידע, איך מוז האבען פעי; וואס דען, מיר געהט אן אייער רעוואלוציע... נא טשעקי, נא וואשי... אז נים פאק איך איין...

ג ל א ס מ א ן (פארטרויערט): איך, איך, איך מוז האבען געלט. איך וואלט געקענט יוזען א פאר דאלער נאך יעצט.

ל ע וו י ן: יע, דאס איז דער

(שלוס אויף זייט 10)

סטרייקס

(נאטיצען וועגען האנדלונגען פון דער א. פ. אָף ל. קאנ-ווענשאן אין לאס אנדזשעלעס)

פון ה. לאנג

אזוי האט זיך צוטראגען איבער דער פרעסע פון לאנד — די אמעריקאן פעדע-ריישאן אָף לייבאר איז געגען סטרייקס. איהר קאנווענשאן אין לאס-אנדזשעלעס זאל עס האבען באשלאסען.

און צוויי פריינט מיינע האבען מיך וועגען דעם אנגעכאפט.

— נו, דארף מען א בעסערען באווייז אז די א. פ. אָף ל. ווערט רעאקציאנערער פון יאהר צו יאהר? — — — איז שוין אליין א שטיק רעאקציע? — — — דארף מען א קלעהרערען סמן אז זי דינט די בעלי-בתים, די קאפיטאליסטען? — — וואס נאך איז געבליבען אין איהר צו האבען כאטש אן אנשטעל אז זי איז אן ארבייטער-קערפערשאפט? — — — מיט אלע איהרע ביז-איצטיגע האנדלונגען, איז זי אבער געשטאנען פאר סטרייקס! — — — איצט איז זי שוין געגען סטרייקס אויך! — — —

אזוי האט גערעדט איינער, און דער לעזער קען זיך לייכט פארשטעלען וואס פאר א סארט בליק דער איינער האט אויף זאכען און פראגען אין דער ארבייטער באַ-וועגונג.

דער צווייטער האט אויף מיר גע-ווארפען אן אנדער סארט „ארגומענטא-ציע".

— ענדליך האט זיך די א. פ. אָף ל. ארומגעזעהן! — — — די סטרייקס האָ-בען דאך צוגעסען כמעט יעדע יוניאן אין אמעריקע! — — — און פון סטרייקס ווערען) דאך רואינירט גאנצע אינ-דוסטריען! — — — און ניט נאר די דירעקטע צדדים אין אן אינדוסטריע ליי-דען פון סטרייקס! — — — די שוועַר-קייט פון סטרייקס פאלט דאך סוף-כל-סוף אויף די קעפ פון די קאנסומערס פון פראדוקטען, אויף די קעפ פון דער ברייטער פאלקס-מאסע! — — — וואלט ניט בעסער געווען ווען די א. פ. אָף ל. ערמונ-טערט די רעגירונג, די פעדעראלע רעגי-רונג, צי די סטייט-רעגירונגען, צו שאפען א מאשינערי אויסצוגלייכען סכסוכים אין אינדוסטריען, און סטרייקס זאלען טאקע זיין פארבאטען? — — — איצטער, האט זיך די א. פ. אָף ל. בעטראכט? — — — פארוואס איז זי ארויסגעטראָ-טען, און אזוי שארף און אזוי ביטער ארויסגעטראטען, געגען דעם אמאליגען קענזאס-פלאן? — — —

מוז איך דא צוגעבען, אז דער צוויי-טער האט א פראקטישען קאפ אויף זיך; און ער איז ניט קיין „משינאוויניק", און חלילה ניט קיין רעאקציאנער; ער באַ-טראכט טאקע סטרייקס פון א ברייטען שטאנדפונקט; ער נעמט עס אן אלס א געזעלשאפטס-פראגע; אבער — וועגען דעם „אבער" דארף מען רעדען.

* * *

ביידע פריינט האבען די פרעס-באַ-ריכטען פון דער האנדלונג פון דער א. פ. אוו ל. קאנווענשאן בנוגע סטרייקס שלעכט געלעזען. די א. פ. אוו ל. איז ניט ארויסגעטראטען געגען סטרייקס. ס'הייסט, זי האט ניט פארווארפען סטרייקס אלס א וואפע צו קריגען גע-רעכטיגקייט, צו געווינען פאדערונגען. גראד פארקערט. ערשט ביי דער קאנ-ווענשאן אין לאס אנדזשעלעס האט זי די סטרייק-וואפע נאך מעהר אפגעשייערט, נאך בלאנקעדיגער געמאכט, די שארפ-קייט פון סטרייקס נאך מעהר אנגע-שטעלט. ביידע פריינט זיינען אין א טעות, און זייער טעות נעמט זיך פון דעם וואס די א. פ. אוו ל. האט איצט איבער-געטראכט אויף וויפיל א סטרייק-באוועגונג וואלט איצט געטאן גוטס אדער גע-בראכט שאדען.

* * *

אין איהר גאנג סיי זיך אויסצובריי-טען, סיי זיך צו פארטיפען, האט די אמע-ריקאנער ארבייטער באוועגונג זיך אנגע-שלאגען אן א שטייגערנער וואנט. זי דארף טרייבען יוניאנס צו ארגאניזירען די ניט ארגאניזירטע פון די טריידס וועלכע זיי פארטרעטען. זי דארף אליין ארגאניזירען די ניט ארגאניזירטע פון די טריידס וועלכע האבען קיין יוניאנס ניט. דורך וועלכען וועג קען מען אבער צוקו-מען צו די ניט-ארגאניזירטע? דורך דעם וועג אויף וועלכען מ'איז געגאנגען ביז איצט? ברענגט ניט דער וועג צום גע-ווינשטען ציל. די אגיטאציע אויפ'ן אל-טען שטייגער ווירקט ניט. רעדען וועגען א שלעכטער לאגע אין די פאבריקען; אנווייזען אז מ'איז פארשקלאפט; נו, איז די אמעריקאנער אינדוסטריע געקומען צו אזא אנטוויקלונג, אז די ארבייטער זעהען דאס ניט פיהלען דאס ניט. די „וועל-פעיר"-אידעען וועלכע ווערען פראקטי-צירט אין די גרויסע פאבריקען האלטען די ארבייטער צופרידען. אין פילע פאב-ריקען פון די גרויסע אינדוסטריען האבען ארבייטער אויך א סארט קאלעקטיווע אנ-ערקענונג. ס'איז אפילו א געפעלשטע; ס'איז דאך קאמפאני יוניאנס; אבער עפעס אן אנערקענונג איז דא. ניט ווי-לענדיג מצד די ארבייטס-געבער קומט זי. און ווייל עפעס אן אנערקענונג איז דא, מאכט עס נאך שווערער פאר די רעגעלע יוניאנס צו ווירקען. די אונטערשטע שורה איז, אז סטרייק-אגיטאציע האט ניט קיין געהעריגען אפקלאנג. מ'קען דורך איהר די ארבייטער אין יוניאנס ניט ארייינציהען. וואס איז, ווידער, שייך צו דער פארטיפונג פון די אידעאלען פון דער ארבייטער באוועגונג, קען אויך די סטרייק-מעטאדע איצט קיין הילף ניט זיין. מיט דער פארטיפונג פון די אידעא-לען פון דער ארבייטער באוועגונג קען מען דאך נאר קודם כל מיינען זייער פארטיפונג אינ'ם אינדוסטריעלען לעבען פון לאנד. און דאס מיינט אז די ארביי-טער-באוועגונג זאל ניט נאר זוכען רעכ-טען, נאר אויך נעמען אויף זיך פליכטען, די פליכטען צו העלפען האלטען אן אינ-דוסטריע געזונט. סטרייקס קענען פאר דעם קנאפ-וואס אויפטאן. וואס זשע האט די א. פ. אוו ל. קאנוועשאן געטאן? זי האט ערקלערט מיט א שארפערער באַ-טאנונג ווי אלע מאל ביז איצט: סטרייקס — יא! סטרייקס — קיינער קען ניט וואגען צוצונעמען דאס סטרייק-רעכט פון ארבייטער! סטרייקס — דאס איז די גרויסע וואפע וואס ארבייטער האבען, און ארבייטער זאלען זיך מיט דער וואַ-פע באנוצען, אבער באנוצען נאר ווען קיין אנדער אויסוועג איז ניטא!

* * *

וועט מען פרעגען: טא וואס-זשע איז דאס פאר א נייעס? יוניאנס האבען אלע מאל אזוי געקוקט אויף סטרייקס. איז דאס טאקע קיין נייעס ניט, און די א. פ. אוו ל. אליין קליימט ניט אז זי איז ארויסגעקומען מיט נייעס, ס'איז נאר ני- צוליב די אנדערע טיילען פון דער דעקלאראציע וועגען דער סטרייק-פראגע. אין די אנדערע טיילען ווערט באשפראָ-כען די אינדוסטריעלע אנטוויקלונג אין אמעריקע; דער הויכער פונקט צו וועל-כען די אנטוויקלונג איז ארויפגעקומען; וואס פאר א ווידדיש-פראבלעמען און נייע פראגען פון א לעבענס-סטאנדארד דער הויכער פונקט האט געבראכט; ווי נוי-טיג עס איז אנצוהאלטען א שטענדיגע אינדוסטריעלע פארשונג; ווי אלץ דארף געבויט ווערען לויט דער פארשונג: קויף און פארקויף, פראדוקציאן און ארבייטס-קאסט, פארוואלטונג און באלעבאטיש-קייט; די א. פ. אוו ל. האט מיט דער דעקלאראציע זיך געשאפען א טעאריע, א ברייטע פראגראם — און דאס איז די נייאיגקייט.

* * *

לויט די באגרינדונגען פאר דער פראָ-גראם קוקט אויך די א. פ. אוו ל. אויף סטרייקס און אויף אינדוסטריעלע ענינים בכלל ניט ווי אויף עפעס וואס האט נאר א שייכות מיט די דירעקטע צדדים פון דער אינדוסטריע, נאר ווי אויף א ברייטער געזעלשאפטס-פראגע. און זי האלט טאקע, אז עס איז די געזעלשאפט בכלל וואס האט וועגען דעם צו זאגען. די פראגע איז: דורך וועמען זאל די גע-זעלשאפט רעדען? דורך דעם שטאאט, דורך דער רעגירונג? איז שוין ווידער א פראגע: פארטרעט די רעגירונג די גאנ-צע געזעלשאפט? אלע קלאסען פון דער געזעלשאפט? און איידער דאס ווערט פארענטפערט, פארענטפערט אין לעבען, קען די א. פ. אוו ל. ניט אננעמען דעם בליק פונ'ם אמאליגען גאווערנאר פון קענזעס, וועלכער האט געזוכט איינצושטע-לען ארביטריישאן-קאורטס, שטאאטליכע ארביטריישאן קאורטס, וואס מוזען אין זייער עצם זיין געצוואונגענע ארביטריי-שאן-קאורטס.

* * *

דא איז אפילו א צוזאמענשטוים צווי-שען צוויי שטאנדפונקטען פון דער א. פ. אוו ל. זי רעדט אז אינדוסטריע זאל זיך אליין ארגאניזירען, קיין אנדער קערפער-שאפט זאל איבער איהר ניט אורטיילען, אחוץ די אינדוסטריעלע קערפערשאפט אליין, א „קאאפעראציע" צווישען די פראדוצירער פון דער אינדוסטריע און איהרע פארוואלטער; און זי רעדט פון דעם אלגעמיינעם, פון דעם געזעלשאפט-ליכען אינטערעס אין אינדוסטריע און אז די גאנצע געזעלשאפט איז אין דער אמת'ן די באלעבאסטע איבער אינדוסטריע. זי האלט פון דער דזשעפערסאנישער דעמאָ-קראטיע, אז די בעסטע רעגירונג איז די, וועלכע רעגירט אם ווייניגסטען, און דער-פאר וויל זי ניט צולאזען אז די רעגי-רונג, דער שטאאט, זאל אריינקריגען וואס מעהר פונקציעס, מעהר אויפגאבען, הויפטזעכליך עקאנאמישע אויפגאבען; און זי זוכט א געזעלשאפטליכען כח וואס זאל רעגולירען דעם עקאנאמישען צו-שטאנד, די אינדוסטריעלע ווירטשאפט, וואס סוף כל סוף דארף עס טאקע זיין די רעגירונג וואס זאל בילדען אט דעם כח. נאר די א. פ. אוו ל. באדערט זיך וועניג וועגען „שטאנדפונקטען". זי לאזט דאס לעבען אליין אויסארבייטען א שטאנדפונקט. פאר איהר, ווייסט זי, שטעהט די גרויסע פראגע נאכצוגעהן דעם גאנג פון אינדוסטריע אזוי, אז די אר-בייטער אונטער'ן שוץ און אונטער'ן דער רעגולירונג פון זייערע ארגאניזאציעס זאלען ארויסקריגען פון די פראפיטען פון אינדוסטריע וואס א גרעסערען חלק, אזוי אז עס זאל קומען צו א צושטאנד, ווען אינדוסטריע וועט אפערירט ווערען פאר דעם נוצען פון אלעמען און ניט פאר די פראפיטען פון איינצעלנע; און צו אט דער פראגע איז געווידמעט איהר גערעדנק און איהר טעטיגקייט. קירעוועט איהר אוועק איין שטאנדפונקט צו א ווייטערען וועג, נעמט זי אן אן אנדער שטאנד-פונקט. זי איז גרייט אנצונעמען יעדען שטאנדפונקט, אדער גארניט האבען קיין שטאנדפונקט, אבי צוצורודערען די אינ-דוסטריעלע שיף צו אזא ברעג.

* * *

מיינע צוויי פריינט האבען זיך אנ-געכאפט אן א שלעכטען פונקט ווען זיי האבען דורך דער סטרייק-פראגע געוואלט צונאגלען די א. פ. אוו ל. פאר א קרייצ-צוג. די א. פ. אוו ל. האט ניט אפגעוואר-פען די סטרייק-וואפע. די א. פ. אוו ל. זוכט נאר א וועג צו קענען צוקומען צו די סאמע קוואלען פון אינדוסטריעלען לע-בען מיט וואס ווייניגער אנשטרענגונג מצד די ארבייטער, מיט וואס ווייניגער פארלוסטען פון ארבייטער-כחות.

שוועסטער אננא בלאק, פון שיקאגא, איז געשטארבען

איהר טויט איז א שווערער פארלוסט פאר לאקאל 100, די שיקאגא דרעס-מייקערס לאקאל.

מרס. אננא בלאק, איינע פון די טע-טיגסטע און באקאנטסטע מיטגלידער פון אונזער שיקאגא'ער ארגאניזאציע איז געשטארבען דיזע וואך נאך א קורצער קראנקהייט.

מרס. בלאק, וואס האט איבערגעלאָ-זען אן אלמן, אויך א מעמבער פון אונ-זער יוניאן, איז געשטארבען נאך זעהר א יונגער מענש, אין גאנצען עטוואס אי-בער 30 יאהר אלט. א טרייער און איבערגעבענער מעמבער איז מרס. בלאק אימער געווען, און האט אפגעגעבען איה-רע פרייע שטונדען פאר דער יוניאן, קעמפענדיג אויף די פיקעט ליינס אין יעדען סטרייק און העלפענדיג מיט ראט און טאט אין אלע קאמיטעס. אין לעצ-טען סטרייק וואס די דרעסמייקערס הא-בען געהאט אין שיקאגא, איז שוועסטער בלאק באשטראפט געווארען, צוזאמען מיט צעהנדליגער אנדערע פיקעטס, צו זיצען 30 טעג אין דזשייל.

שוועסטער בלאק האט אין 1925 פארטראטען די אינטערנעשאנעל ביי דער נאציאנאלער קאנווענשאן פון דער וואומענס טרייד יוניאן ליג, אין קענ-זאס סיטי. אין דעם איצטיגען קאמ-פיין צו באפרייען אונזער שיקאגא'ער ארגאניזאציע פון דעם קאמוניסטישען יאך, האט שוועסטער בלאק גענומען א טיכטיגען אנטייל ניט אכטענדיג אויף איהר אפגעשוואכטען געזונט, און האט געמונטערט איהרע שוועסטער און ברי-דער אין קאמף צו באשיצען זייער יו-ניאן געגען אלע אינערליכע און אויס-ערליכע שונאים.

וואס מען טוט אין איילעניש, דארף מען נאך אמאל טאן

— דער מענש וואס וויל עפעס אויפטאן, דארף זיך פריהער גוט איבערלעגען וואס ער קלייבט זיך צו טאן, און נאכדעם זעהן עס דורכצופיהרען. צו דענקען — הייסט דעם מארך ענטוויקלען. טוט ניט קיין זאך אין איילעניש וואס פאדערט איבערלעגענהייט. דענקט בעפאר איהר טוט עפעס, וועט איהר שפעטער קיין חרטה ניט דארפען האבען. דערפרישט זיך מיט א מיוראד סיגארעט, און פאנגט אן צו באגרייפען אייערע אייגענע פעהיגקייטען. *)

טריאלעטען

(לאלא גרינבוים א מתנה)

פון העניך אקערמאן

(א)

ווען כ'האב זי דאס ערשטע מאל דערזען,
א הימלישע אזא, מיט גרינלאך-בלויע אויגען,
איז דאס הארץ מיר שיעור ארויסגעפלויגען.
ווען כ'האב זי דאס ערשטע מאל דערזען:
— א ווייס פנים, ווי פון מירמעלשטיין...
ווי פאר א געטליכער האב איך געוואלט זיך נויגען.
ווען כ'האב זי דאס ערשטע מאל דערזען,
א הימלישע אזא, מיט גרינלאך-בלויען אויגען...

(ב)

אין כמורנע טעג איז זי מיין זון אין הארצען.
אין אומעטיגע טעג איז זי מיין פרייד,
איז מיר ליב צו הערען איהרע רייד.
אין כמורנע טעג איז זי מיין זון אין הארצען...
ווען דער יאוש קומט צו מיר אין שווארצען,
דערמאן איך נאר איהר נאמען שטילערהייט.
אין כמורנע טעג איז זי מיין זון אין הארצען,
אין אומעטיגע טעג איז זי מיין פרייד...

זיינען אידישע ארבייטער, און די קאמוניסטען האבען גערעכענט, אז צוליב דעם וועט זיך זיי איינגעבען צו פארכאפען דיזע יוניאנס. זיי האבען אנגע-פאנגען זייערע אטאקעס לויט דעם באקאנטען דיקטאטארישען מאסקווער שולחן ערוך, ענטוועדער צו באהערשען אדער צו צוברעכען דיזע גרויסע ארגאניזאציע.

„איך בין, אבער, גליקליך, אז איך קען מעלדען, אז פילע טויזענטע פון דיזע נאָדעל ארבייטער זיינען געווען טרייע טרייד-יוניאניסטען, און זיי האבען פארדינט דעם גרעסטען קאמפלימענט פון דער אדבייטער וועלט דערמיט וואס, ווען די אטאקעס האבען זיך אויף זיי געהאגעלט פון אלע זייטען, זיינען זיי געשטאנען ווי אן אייזערנע וואנט פאר זייער יוניאן. זיי זיינען אויסגעפרובירט געווארען אין א שרעקליכען פייער; פילע פון זיי זיינען געשלאגען און גע'ממית'ט געווארען, זיי זיינען אבער פארבליבען טריי צו זייערע פרינציפען.

„און איצט וויל איך זאגען, אין נאמען פון עקזעקוטיוו קאונסיל, אז דיזע ארבייטער קענען אימער רעכענען אויף אונזער שטיצע. מיר וועלען זיי העלפען מיט אלע מיטלען און קרעפטען; מיר וועלען זיי שטיצען אין זייער קאמף פאר טרייד יוניאניזם און פאר דער ארגאניזירטער ארבייטער-שאפט."

* * *

די צענדליגע טויזענטער מיטגלידער פון אונזער יוניאן, וואס האבען געקעמפט און געבלוטיגט כדי זייער ארגאניזאציע זאל בלייבען גאנץ און לעבעדיג, וועלען דיזען שעהנעם גרוס, דיזע נאבעלע בשורה, באגעגענען מיט א גליקליכען שמייכעל אויף זייערע ליפען. אונזערע ארבייטער וועלען דיזע ווערטער קיינמאל ניט פארגעסען. דער קאמף, ווי שווער ער איז ניט געווען צייטענווייז, איז אבער געווען ווערטה די קרבנות און די ליידען. מיר זיינען מיט דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג, און די באוועגונג איז מיט אונז. לאמיר זיין באריים צו דינען דיזער באוועגונג, פונקט ווי דיזע באוועגונג איז באריים צו דינען און העלפען אונז.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
MORRIS SIGMAN, President · A. BAROFF, Sec'y-Treas.
MAX D. DANISH, Editor
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. IX. No. 43. Friday, October 28, 1927
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Post Office at New York, N. Y. under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

א יאַריד פון „טויטע נשמות"

מיט א וואָכען צוויי צוריק האָבען מיר זיך דורכגערעדט מיט אונזערע לעזער וועגען א שטיקעל בעזגראַמאַטנעם ליפלעט, וואָס די „קאַמסאָמאָלצעס", די קאָמוניסטישע באַיטשיקלעך און מיידלעך, האָבען מיט גרויס אַפּעטיט געטיילט אין קלאָוק מאַרקעט. דער ליפלעט, וואָס איז ערשינען אונטער דעם גע'גנב'עטען נאָמען — „נייע פּאָסט" — איז געווען אָנגעפּיקעט, פון דער ערשטער ביז דער לעצטער שורה, מיט זלזולים און שימפּערייען אויף פּרעז. זיגמאַן און זיינע נאָהענטע מיטאַרבייטער, און האָט חוצפּה'דיג דערקלערט אַז עס איז אַרויסגעגעבען פון א „50-גער קאַמיטע פון קלאָוק און דרעס-מאַכער".

מיר האָבען וועגען דיזען „ליטעראַרישען" פּערל מעהר א וואָרט ניט געהאַט בדעה צו פאַרלירען. אונז איז זעהר וואויל באַקאַנט ווי אונזערע מיטגלידער עקעלט איצט אָפּ פון אזעלכע רינשטאָק שרייבעריי. מיר ווייסען גאַנץ גוט אז אונזערע אַרבייטער זיינען איבערזעטיגט מיט די שמוץ, שקר און באַטרוג וואָס די קאָמוניסטישע מגידים האָבען אַריינגעשמוגעלט אין אונזער באַוועגונג. מיר דענקען, אבער, אז אין אונזערע ערשטע באַמערקונגען האָבען מיר אויסגעלאָזען א פּאָר פונקטען, וואָס וואָלטען אונזערע מיטגלידער זיכער פאַראינטערעסירען. און איצט, מיט דער ערשיינונג פון דעם צווייטען ליפלעט אונטער דעם זעלבען נאָמען, ווילט זיך אונז טאַקע אויפהויבען דעם פאָרהאַנג איבער דיזער נייער אינטריגע און צייגען אונזערע מיטגלידער ווער עס זיינען דאָס די „אַקטיאָרען" וואָס ציהען די שטריקלעך הינטער דיזען עקעל-טאַנץ.

* * *

ווער זיינען עס דיזע שפּאָגעל נייע רעטער פון די קלאָוק און דרעס-מאַכער?

נאַטירליך, פאַרשטעהט דאָך יעדער דענקענדער מיטגליד פון אונזער יוניאָן, אז אזא „קאַמיטע פון 50 קלאָוק און דרעסמאַכער" עקזיסטירט ניט אויף דער וועלט. אזעלכע מיסטעריעזע קאָמוניסטישע מאַכערייקעס — „פופּציגער קאַמיטעס" — זיי האָבען עפּעס אזא שוואַכקייט פאַר דיזען נומער, פופציג, — האָבען מיר שוין אין פאַרלויף פון די לעצטע פּאָר יאָהר געהאַט עטליכע מאָהל. אזעלכע „קאַמיטעס" פלעגען דאָס פאַראַדירען אין אונזער פיינדליכער פּרעסע אלס „פרידענס" מיסיאָנערען, אלס מלאכים מיט גאָלע שניי-ווייסע פליגלען, וואָס פלעגען כסדר רעדען אין נאָמען פון ניט געשטויגענע „מאַסען" פאַר שלום מיט די מאָסקווער אַגענטען, מיט די ברעכער און שטעכער פון אונזער אָרגאַניזאַציע. דער אמת, אבער, איז געווען אז דיזע פּומעל-מאַכער האָבען קיינמאָל קיינעם ניט געקענט פאַרבלאָפען. די וועלט האָט געוואוסט אז די קלאָוקמאַכער און די דרעסמאַכער רעכענען זיך מיט זיי נים און באַטראַכטען זיי אלס גאַנץ ביליגע אינטריגאַנטען. ווער עס האָט נאָר מיט זיי געהאַט עטוואָס צו טאָן — ווער עס האָט זיך צוגעהערט צו זייערע טענות, צו זייער סוד'ן זיך, ווער עס האָט נאָר געלעזען זייערע ליפלעטס האָט שוין געוואוסט פאַר וועמען דיזע חברה אַרבייט. אין זייער ווערטערבוך האָט דאָס וואָרט „שלום" געהאַט בלויז איין אויסטייטשונג: באַהאַלטענע, פאַרשטעלטע קאָמוניסטישע הערשאַפט. האָבען טאַקע אונזערע אַרבייטער דיזע „שלום-זוכער" געגעבען דעם וועג און פאַרזאָגט אז זיי זאָלען מיט זייערע אידיאָטסקע פאַרשלעגע מעהר דעם קאָפּ זיי ניט דרעהען.

דער מיאוס'ער דורכפאַל וואָס די קאָמוניסטען האָבען געליטען אויף זייער מעדיסאָן סקוועיר מיטינג מיט צוויי מאָנאַטען צוריק, ווען די קלאָוקמאַכער און די דרעסמאַכער האָבען זיי מוחל כבוד געווען און האָבען זיך אָנטזאָגט צו קומען צו זייער דעמאָנסטראַציע געגען דער אינטערנעשאָנאַל, האָט געמאַכט א סוף צו דעם זאַגענאַנטען „שלום" קאַמפּיין וואָס זיי האָבען אָנגעפיהרט מיט דער באַהאַלטענער האָפענונג צו צושפּאַלטען אונזערע רייהען. נאָך יענער מפלה, ווען אונזער יוניאָן האָט זיך ערנסט פאַרנומען מיט וויכטיגע קאָנסטרוקטיווע און אויפבויאונגס אַרבייט אין דער אינדוסטריע, האָט עס ביילל פּאָסטער, דער טאַטע פון דער קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע געגען די אמעריקאַנער טרייד-יוניאָנס, איינגערופען אין ניו יאָרק א מיטינג פון די סאמע פּני פון די „כאַוויירים" און האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז די קעפּ פון דער פּאַרטיי האָבען באַשלאָסען, אַז זיי מוזען אָננעמען א נייע טאַקטיק אין קאַמף געגען אונזער יוניאָן. די פּאַרטיי, האָט ער זיי דערצעהלט, האָט פאַרלאָרען דעם קאַמף געגען דער אינטערנעשאָנאַל און געגען דער אמעריקאַן פעדערישאַן אָוו לייבאָר, אבער מען קען דאָך נאָך עפּעס אַרויסראַטעווען פון פייער, אויב דער פּאַרטיי וועט געלינגען אַרויסקלאַפּען מאָריס זיגמאַן און עטליכע פון זיינע נאָהענטסטע מיט-פיהרער פון זייערע פּאָזיציעס אין דער יוניאָן, און אויף אזא וועג אָפּצורעכענען זיך מיט איהר ערגסטען שונא. די „כאַוויירים", אלזאָ, דאַרפען איצט מאָביליזירען אַלע זייערע קרעפטען, זיי דאַרפען זיך פאַראייניגען מיט אַלע זיגמאַנ'ס איצטיגע און אַמאָליגע שונאים, איהם פערזענליך אַטאַקירען און פאַרניכטען, און אַגיטירען פאַר א „נייעם פיהרער" וואָס זאָל „ראַטעווען די יוניאָן" פון זיגמאַנ'ען.

ניין, האָט זיי פּאָסטער געזאָגט, עס איז אומזיסט צו האָפען, אז א קאָמוניסט, אָדער א קאָמוניסטישער נאָכפאָלגער זאָל ערוועהלט ווערען אלס פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל ביי דער נעקסטער קאָנווענשאָן. זיי דאַרפען זיך דעריבער פאַראייניגען אפילו מיט אזעלכע לייט, וואָס זיי זעלבסט האָבען ביז ניט לאַנג צוריק באַצירט מיט אזעלכע נעמען ווי „מעסער העלדען" און „פאַררעטער צום אַרבייטער קלאַס", אבי מען זאָל זיגמאַנ'ען שלאָגען. אָט אזוי הייסט די פּאַרטיי און ביט פּאַסעמו! מען מוז ווי עס איז אַרויסקריכען פון דער שרעקליכער לאַגע אין וועלכער די פּאַרטיי געפינט זיך איצט; מען מוז צייגען דער וועלט, און טאַקע אויך די הייליגע קאָמוניסטישע טאַטעס אין קרעמלין, אז די פּאַרטיי האָט עטוואָס געוואונען, אז אויב איהר איז ניט געלונגען צו פאַרכאַפּען די אינטערנעשאָנאַל פאַר דער הייליגער קאָמוניסטישער. זאַך, האָט זי אַמווייניגסטען באַזיגט זיגמאַנ'ען!

* * *

אין דיזער אַטמאָספערע איז עס געבוירען געוואָרען דער סאמע לעצטער קאַפּיטעל פון דעם פערזענליכען קאָמוניסטישען קרייץ-צוג געגען ברודער

ווער זיינען עס, אבער, די קאָמוניסטישע שותפים אין דיזען קאַמפּיין אַרויסצוטרייבען זיגמאַנ'ען אלס פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל, און אויף זיין פּלאַץ פּראָקלאַמירען א „נייעם פיהרער" אויף וועמען די אָרימע קלאָוקמאַכער וואַרטען עס, ווי זיי זאָגען, מיט פייערדיגען אומגעדולד?

א ווילדער מישמאַש פון פּאָרטרעטען, א ווירקליכע גאַלעריע פון „טויטע נשמות"! קאָמוניסטען זיינען ניט קיין גרויסע איבערקלייבער מיט וועמען זיי שדכנ'ען זיך, אבי עס פּאַסט זיך זיי צום רומעל. זיי גיבען אליין צו, אז זיי וועלען זיך פאַראייניגען מיט גענגסטער, מיט סקעב-באַלאַבאַטים, מיט געמבלער, אויב זיי קענען זיי נאָר עקספּלואַטירען פאַר דער „הייליגער זאַך". וועמען געפינען מיר, אלזאָ, צווישען די זיילען וואָס שטופען דעם קאַמף געגען פּרעזידענט זיגמאַן און קעגען דער גאַנצער פיהרערשאַפט פון דער אינטערנעשאָנאַל — ווער צאָהלט פאַר דיזע ליפלעטס, ווער שרייבט דיזע גיפטיגע פּאַסקווילען, ווער פאַרשפּרייט זיי אין די גאַסען?

א געוועזענער וויים-פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל, וועמענס נאָמען איז טריף ביי יעדען ערנסטען און עהרליכען קלאָוקמאַכער, וואָס איז איצט א פּערזענליכער שונא פון בר. זיגמאַן, און מאַכט א לעבען פון פּאַרקויפען פאַר צו מאַנופעקטשורערס; אַן אַמאָליגער גענעראַל באַאַמטער פון דער יוניאָן, וואָס איז פאַר די לעצטע דרייצעהן יאָהר געווען א רייכער באַלעבאָס, און וואָס האָט ניט דורכגעלאָזען קיין איין וויכטיגען סטרייק, וואָס אונזערע אַרבייטער האָבען דורכגעמאַכט זינט ער האָט געמוזט פאַרלאָזען זיין אַמט, אָהן דעם, אז ער זאָל ניט אַטאַקירען אין דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע און מיסרעפּרעזענטירען זייער קאַמף פאַר דער גאַנצער וועלט; א מיליאָנערסקער בילדער וואָס גיט אימער פריי געלט פאַר קאָמוניסטישע אָנפעלע, וואָס האָבען עפּעס צו טאָן מיט אַטאַקעס אויף טרייד יוניאָנס, וואָס זיינען ניט „ראַדיקאַל" גענוג פאַר זיין „רעוואָלוציאָנערען" מאָגען; א חוץ דעם, עטליכע „געוועזענע מענשען" אין דער יוניאָן, וואָס געמבלען גלאַט אזוי אויף א געלעגענהייט צוריקצוקומען אין דער יוניאָן, אין פאַל עס וועט זיך איינגעבען צו דיסקרעדיטירען די איצטיגע פיהרערשאַפט.

שוין אָפּגערעדט פון דער הייפּעלע אָפּגעפליקטע „שלום" זוכער, וואָס האָבען זיך אין די לעצטע עטליכע מאָנאַטען ארומגעדרעהט אָהן א שטאָך מלאכה, די עלענדע נפשות, וואָס זוכען אבי א וואָגען אויף וועלכען ארויפצוכאַפּען זיך אויף א שטיקעל יאָזדע, אבי א שולכעל וואו זיי וועלען קענען דאַווענען לויט דעם „לינקען" סידור, און דערביי שילטען זיגמאַנ'ען און די אינטערנעשאָנאַל אויף וואָס די וועלט שטעהט!

* * *

האָט עפּעס דיזע געזינדעל, דיזע פאַראייניגונג פון באַלעבאַטים, בילדינג קאָנטראַקטאָרס און סיילסלייט, עפּעס פאַרצושלאָגען אונזערע אַרבייטער? האָבען זיי עפּעס א פּלאַטפאָרמע פון אינדוסטריעלע רעפאָרמען אָדער אויס-בעסערונגען, וואָס וואָלט פאַרגרינגערען די דחקות וואָס אונזערע באַלמע-לאָכעס ליידען אין שאַפּ און אין דער היים?

עס הויבט זיך גאָר ניט אָן. וואָס, מישטיינס געזאָגט, האָט דיזע געזינדעל בכלל צו טאָן מיט די ליידען און זאָרגען פון אונזערע מיטגלידער, וואָס האָבען זיי צו טאָן מיט דער אַרבייטער באַוועגונג? וואָס, אין דער אמת'ן, האַלט זיי אויף צוזאַמען אויסער זייער געמיינשאַפטליכער האַס צו פּרעזידענט זיגמאַן און זיינע מיט-פיהרער? אַלעס אויף וואָס דיזער ערב-רב שטימט איין, אַלעס וואָס זיי ווייסען איז, אז „זיגמאַן איז שולדיג אין אַלעס", אז זיגמאַן דאַרף מאַכען פּלאַץ פאַר א נייעם משיח וואָס זיי זעלבסט האָבען אויסגעקליבען פאַר די קלאָוקמאַכער. און כדי דאָס צו דערגרייכען, שלאָגען זיי פאָר אין זייער שימף ליפלעט א פּלאַן אז די קלאָוקמאַכער און די דרעס-מאַכער זאָלען זיך באַטייליגען אין א „רעפערענדום", וואָס זאָל צוזינגען די פיהרער פון דער אינטערנעשאָנאַל אויפגעבען זייערע עמטער.

וואָס פאַר א ביליגער, אַלטער, אויסגעדראָשענער טריק! מיר דערמאָנען זיך, דאָס גלייך נאָכדעם ווי די אינטערנעשאָנאַל האָט לעצטען דעצעמבער רעאָרגאַניזירט די פיר לאָקאַלס אין ניו יאָרק האָבען די קאָמיסאָרען גענומען ליאַרעמען אז מען זאָל מאַכען אַן „עלעקשאָן". מיט אַמאָל זיינען עס דיזע „דיקטאַטאָרען", וואָס האָבען אַקאָרשט געלאַכט און חיזק געמאַכט פון דעמאָקראַטיע, טאָלעראַנץ, און אַנדערע אזעלכע נאַרישקייטען, געוואָרען איבער-נאַכט איבערגעגעבענע „דעמאָקראַטען", — ווען זיי האָבען זיך אַרומגעזעהן אז די רענק און פייל פון די מיטגלידער האָט זיי אַרויסגעשמיסען פון דער אָרגאַניזאַציע פאַר זייער פאַררעטערישען פּאַרלוסט פון גרויסען קלאָוק סטרייק! עס איז די אַלטע געשיכטע, וואָס מען דערצעהלט וועגען טייוועל, וואָס איז פּלוצלונג געוואָרען א צדיק און האָט זיך געבעטען מען זאָל איהם פאַרשרייבען פאַר א מלאך, ווען ער איז נעבעך געפערליך קראַנק געוואָרען.

זינט לעצטען דעצעמבער איז שוין פאַרלאָפען א היפּשע ביסעל צייט, אבער די אַלטע קאָמוניסטישע קליקע און איהרע שמשים האַלטען זיך נאָך אַלץ ביי זייערע ליבע דרכים; זיי פאַרגעסען גאָרנישט, און זיי לערנען, ווידער, פונקט אזוי וויינינג. דיזע פייקערס, אבער, וועט ניט געלינגען צו פאַרבלענדען די אויגען פון אונזערע אַרבייטער מיט „רעפערענדום" סקימס, אָדער אירגענד וועלכע אַנדערע בלאָפערישע שטיק. די אַטאַקע אויף פּרעז. זיגמאַן, וואָס דיזע קאָמבינאַציע פון קאָמוניסטען, פאַר סיילסלייט, ספּאַנדזש-מאַנופעקטשורערס און בילדערס, פיהרט אָן דערפאַר ווייל ער איז זיי געשטאַנען ווי א ביין אין האַלז און ניט דערלאָזען צו מאַכען פון אונזער יוניאָן א פּריוואַט שטיקעל געשעפט פאַר זייערע פּאַרטייאישע אָדער פּער-זענליכע אַמביציעס, — דיזע אַטאַקע וועט פּלאַצען און צוקראַכען ווערען פונקט ווי עס האָט געפּלאַצט דער קאָמוניסטישער יאָמער פאַר אַן „עהרליכען עלעקשאָן", נאָכדעם ווי אונזערע אַרבייטער האָבען די קאָמיסאָרען משלח געווען פון דער יוניאָן.

דיזע נייעסטע קאָמעדיע איז געקומען א ביסעל צו שפּעט. די גרויסע לאַיאַלע מאַסע פון אונזערע אַרבייטער וועט זיך פון דיזער פּאַיאַצעריי אויסלאַכען מיט שפּאָט און פאַראַכטונג. אונזערע מיטגלידער האָבען איצט פיל וויכטיגערע זאַכען מיט וואָס צו באַשעפטיגען זיך. זיי דאַרפען פאַר-ענדיגען די גרויסע אויפגאַבע פון צוריק אויפבויען די געבוידע פון זייער יוניאָן; זיי דאַרפען באַזייטיגען די איבלען פון זייער אינדוסטריע, און פאַר-בעסערען די אַלגעמיינע באַדינגונגען פון זייער לעבען. בלויז אזעלכע זאַכען שפּילען א ראָלע אין אונזער לעבען. פאַר אזעלכע זאַכען לוינט זיך צו קעמפען; און פאַר דיזע זאַכען וועלען מיר קעמפען — ביז וואַנען מיר וועלען זיי דערגרייכען.

ווערטער וואָס מיר וועלען ניט פאַרגעסען

בר. איזידאָר נאַגלער, וואָס האָט פאַרטראַטען אונזער אינטערנעשאָנאַל ביי דער אמעריקאַן פעדערישאָן אָוו לייבאָר קאָנווענשאָן אין לאָס אַנדזשע-לעס, האָט נאָר וואָס פאַרגעלעזען דעם באַריכט וואָס פּרעזידענט זיגמאַן האָט צוגעשיקט צו דער קאָנווענשאָן. דער באַריכט דערצעהלט, זאַכליך און קורץ, ווי אונזערע אַרבייטער האָבען אין פאַרלויף פון לעצטען יאָהר מוטיג און ערנסט געקעמפט פאַר זייער עקזיסטענץ און פאַר זייער יוניאָן. דער באַריכט דאַנקט די אמעריקאַנער אַרבייטער באַוועגונג פאַר די הילף וואָס די אמע-ריקאַנער יוניאָנס האָבען געלייסטעט אונזער אינטערנעשאָנאַל אין דיזען היסטאָרישען קאַמף. דאַן שטעלט זיך אויף פּרעזידענט וויליאם גרין, צו ענטפערען:

„א גרויסער פּראָצענט פון די אָרגאַניזירטע נאָדעל אַרבייטער אין ניו יאָרק

דער פארטיי־קאמף אין דער פוילישער ארבייטער באוועגונג

פון ז. ארטור.

אין אונזער לעצטען ארטיקעל האבען מיר געשריבען וועגען דער ווירקונג פון דעם אינערליכען פארטיי־קאמף אויף דער אלגעמיינער פראפעסיאנעלער באוועגונג אין פוילען. די מעטאדען וואס די קאמוניסטען ווענדען אן אין דאזיגען קאמף, צוזאמען מיט די איבעריגע סיבות, אויף וועלכע מיר האבען אנגעוויזען, האבען נאטירליכערווייזע געמוזט ברענגען צו א שארפען ארגאניזאציאנעלען קריזיס אין דער באוועגונג; די גרעסטע צאהל פאליטיש־אינדיפערענטע ארבייטער, וועמען די אינערליכע רייסערייען זיינען נמאס, בלייבען אויסער די ארגאניזאציעס. אזוי זיינען די פאראיינען פו די גרעסטע אינדוסטריע צווייגען געבליבען ביי א 10—15 פראצענט פון דער צאהל באשעפטיגטע ארבייטער. דער אמאל מעכטיגער מעטאל־פאראיין איז היינט אומעכטיג און איז נישט אימשטאנד צו רעצידירען ווענען די ארבייטס־באדינגונגען אין דער אינדוסטריע; דאס זעלבע אין דער בערג־אינדוסטריע. א גרויסער טייל מעטאל־ארבייטער, ווי אויך קוילען־גרעבער (מיינערס) זיינען געלאפען אין די געלע פאראיינען פון די „כאדעקעס" (קריסטליך־סאציאלע), באזונדערס אין אויבערשלעזיען. דער איינציגער פאראיין, וואס איז געבליבען ארגאניזאציאנעל שטארק, איז דער פאראיין פון די באהן־ארבייטער, וועלכער ציילט קרוב 80 טויזענט מיטגלידער א דאנק דעם, וואס אין פוילען זיינען די באהן־ארבייטער רעגירונג־באאמטע און דער פאראיין האט שוין לאנג אויסגעקעמפט, אז ביים אויסצאהלען די באהן־ארבייטער די לוינען (ווידזשעס), ווערט דורך די באאמטע פון באהן־מיניסטעריום גלייך אפגעשלאגען דער אפצאל פאר'ן פאראיין.

אזוי אין די פוילישע פאראיינען. אין די פאראיינען פון אידישע ארבייטער האט דער קאמף און די מעטאדען פון די קאמוניסטען אנגענומען נאך ווילדערע פארמען; אין די פוילישע פאראיינען האבען די קאמוניסטען דאך אנגעטראפען א שטארקען פיזישען ווידערשטאנד מצד די פ. פ. ס., וועלכע איז אין דער הינזיכט געווען נאך ווייניגער ריקזיכטסיג ווי די קאמוניסטען. מיט איינינע יאהר צוריק האבען די קאמוניסטען געפרואווט אנווענדען זייער באליבטען מעטאד פון אראפרייסען מיטינגען פון פוילישע ארבייטער. די פ. פ. ס האבען דארויף געענטפערט מיט קלעפ, אבער גארנישט אויף קיין קאטאוועס. פון די פ. פ. ס.'ישע קלעפ זיינען אפילו געפאלען עטלאכע טויטע קאמוניסטען. פון דעמאלט אן זיצען די קאמוניסטען שטיל ווי די לעמעלעך אויף פ. פ. ס.'ישע פארזאמלונגען, זיי באנוגענען זיך נאר מיט אנאנימער איטריגע, אנאנימע רכילות, שטערעריי א. א. וו.

אנדערש איז אבער אין די פאראיינען פון די אידישע ארבייטער. דא זיינען דאך נישטא עשו'ס קולאקעס.... דא מעג מען זיך ווייניגער צערעמאניען. האט מאקע די ווילדקייט, מיט וועלכער די אידישע קאמוניסטען האבען זיך געווארפען אויף די אידישע פאראיינען, איבערגעשטיגען יעדע פארשטעלונג. דא האבען די קאמוניסטען גאנץ אפען געשטעלט פאר זיך די אויפגאבע: באהערשען די פאראיינען אדער זיי אונטערברענגען. אין יעדער שטאדט האבען זיי ארום זיך גרופירט דעם גאנצען הינטער־דעק: פראפעסיאנעלע גנבים, אלפאנסען, מעסער־שטעכער. מיט זייער הילף פלעגט מען באפאלען יעדע פארזאמלונג, וואס איז נישט ארגאניזירט געווארען דורך קאמוניסטען. עס פלעגען נישט געשוינט ווערען קיין יוגענטליכע און קיין פרויען, עס פלעגען זיך אפשפילען אזעלכע ווילדע, אנמענשליכע סצענעס, וואס אפשר נאר אין פאשיסטישען גן־עדן אין איטאליע קאן מען זעהן זייער גלייכען. דער שרייבער פון די דאזיגע שורות האט בייגעוואוינט הונדערטער אזעלכע סצענעס. אלס אילוסטראציע ווילען מיר דא באשרייבען בלויז איינע: אין 1926 האט דער שרייבער פון די ווערטער געלייענט א לעקציע פאר אן ארבייטער־אודיטאריע אין גראדנע. די לעקציע איז געווען אויף א גאנץ נייטראלע טעמע, וואס האט מיט פארטיי־פאלעמיק קיין שום שייכות נישט געהאט און אין זאל האט זיך אויך פארזאמעלט אן עולם, צום גרעסטען טייל אן אומפארטייאישער. אין מיטען דער לעקציע דערהערט זיך פלוצים א פייף און אין דער זעלבער רגע גיבען זיך עטלאכע צעהנדליג יונגען, וואס זיינען געווען פאנאנדערגעזעצט אין אלע עקען זאל — א לאז מיט שטעקענס צווישען עולם און שלאגען אויף א מערדערליכען אופן אלעמען אהן אויסנאם; פרויען האט מען אנגעכאפט ביי די האר, געווארפען צו דער ערד, געהאקט מיט שטעקענס איבער די קעפ. דער איבערפאל איז געווען אזוי אומדערווארטעט און אזוי ווילד, אז עס איז ענטשטאנען אזא מורא'דיגע פאניק, וואס האט דערמאנט אין דער פאגראם־פאניק פון די גוטע צייטען. שפעטער האבען זיך די קאמוניסטען באריהמט, אז אט אזוי וועלען זיי אונטערברענגען דעם „בונד" אין גראדנע...

גלייכצייטיג דערמיט, פלעגען זיי אויף א ציניש אופן אויך גייסטיג טעראריזירען אלעמען, שפעקולירענדיג אויף זייער אומלעגאליטעט: פלעגט מען עפענטליך ריידען, אדער שרייבען וועגען דעם, אז קאמוניסטען האבען אזא אדער אנאנדער געמיינהייט געטאן, פלעגט זיך גלייך אויף מארגען באוויזען אן אויפרוף, אז „די מוסרים ווייזען אן אויף אונז דער פאליציי, דאס מיר זיינען קאמוניסטען"...

דער „בונד" האט פארשטאנען, אז די ערנסטע זאך פאר דער באוועגונג וואלט געווען זיך לאזען פראוואצירען אויף א ברודער־קריג. די ארבייטער, וועלכע באשטעהען דא דער רוב פון א אידעאישען עלעמענט, האט דער בונד אויפגעקלערט, דאס מען מוז האבען נערווען, איבערווארטען נעדולדיג דעם אנפאל פון משוגעת, אקעגענשטעלען דעם קאמוניסטישען טעראר — די אייזערנע דיסציפלין און ווארעמע צוגעבונדענקייט צו דער ארגאניזאציע; ענטפערען מיט געוואלד נאר אין לעצטען פאל. אזוי איז טאקע געשעהן. וועגען דעם גהינם, וואס די פיהרער און טוער פון דער באוועגונג האבען געהאט און האבען נאך היינט אויסצושטעהן, איז לייכט זיך פארצושטעלען. די מענשען האבען באמת געמוזט פארמאגען א גרויסע מאס אידעאליזם און שטארקע נערווען, אז קיין איינער פון זיי האט נישט אראפגעלאזען די הענט, איז ניט אוועק פון פאסטען. פון די ארבייטער זיינען שוואכערע אוועק, דער גרויסער רוב אבער איז געבליבען, האט ווירדיג באשיצט זיינע ארגאניזאציעס און איז ארויס דער זיגער. מיט געוואלט איז טאקע נעענטפערט געווארען נאר אין אזעלכע פאלען, ווי למשל דער לעצטער באוואפענטער איבערפאל אויפ'ן צוזאמענפאהר פון טראנספארט־פאראיין, — דא האבען די געדונגענע רעוואלווער־העלדען און מעסער־שטעכער (גאנגסטערס) באקומען אזא לעקציע פון די טראנספארט־ארבייטער, אז זיי וועלען שוין פארזאגען א צעהנטען. אין אלגעמיין אבער האט זיך טראץ די פראוואקאציעס פון די קאמוניסטען, איינגעגעבען צו פארהיטען די באוועגונג פון ברודער־קריג. און מערקווירדיג: טראץ די פילפאך ווילדערע פארמען וואס דער קאמוניסטישער טעראר האט אנגענומען צווישען די אידישע ארבייטער, זיינען דאך די אידישע פאראיינען ארויס ארגאניזאציאנעל שטארקער ווי די פוילישע. דא איז די צאהל מיטגלידער פיל ווייניגער געפאלען איידער דארט.

ווענען דעם, אז אויף דעם וועג ווילען זיי, די אידישע פאראיינען נישט פארניכטען, האבען זיך די קאמוניסטען איבערצייגט נאך מיט עטליכע יאהר צוריק, זיי האבען דעריבער דעמאלט (אין 1924) אנגעווענדעט נאך א מעטאד: שפאלטונג. זיי האבען דאן געשפאלטען די צוויי גרעסטע פאראיינען פון די אידישע ארבייטער אין פוילען: דעם שניידער־פאראיין און דעם פאראיין פון די לעדער־ארבייטער, און האבען געשאפען אייגענע קרעמלעך. אבער כדי איינצוהאלטען אייגענע ארגאניזאציעס, דארף מען פאר די ארבייטער טאן פאזיטיווע, ארגאנישע ארבייט, און דאס קאנען נישט די קאמוניסטען. איז טאקע גיך געווארען פוסט אין זייערע קרעמלאך און נאך צוויי יאהר שפאלטונג־פראווע, האבען זיי אין 1926 קאפיטולירט און ליקווידירט זייערע באזונדערע פאראיינען.

אין אפריל 1927 זיינען פארגעקומען קאנגרעסען פון שניידער פאראיינען און פון לעדער־פאראיין. דער שניידער־קאנגרעס האט רעפרעזענטירט צוואנציג טויזענט מיטגלידער, די לעדער קאנגרעס — איבער צעהן טויזענט. ביידע פאראיינען האבען פון די ביטערע אינערליכע קאמף־יאהרען ארויסגעטראגען נייע ערפארונגען, די ארגאניזאציעס זיינען פעסטער צעמענטעוועט געווארען, די קאמוניסטען זיינען נאך דער קאפיטולאציע געווען אויף ביידע קאנגרעסען פיל שוואכער רעפרעזענטירט, ווי פאר דער שפאלטונג.

איצט קאן מען איינענטליך באטראכטען די קאמוניסטישע אפענסיווע אויף די פאראיינען פאר פאלשטענדיג געבראכען. עס פעלען נאך היינט נישט ווילדע סצענעס און אקטען פון קאמוניסטישער צביעות און נעפאלענקייט, אבער דאס זיינען שוין בלויז אויסדרוקען פון פארצווייפלונג און אונמעכטיגקייט — אזוי ווערען זיי פון אלעמען באטראכט, און קיין ארבייטער שרעקט דאס נישט מעהר.

צי קאן מען שוין איצט די לאגע פון די אידישע פראפעסיאנעלע פאראיינען אין פוילען האלטען פאר באפרידיגענד? — א, ווייט נישט! — יעדע מלחמה לאזט אייבער נאך זיך פארוויסטונג און פארקריפלונג פון די לעבענס־פארמען; די פראפעסיאנעלע באוועגונג אין פוילען, פונקט ווי אין אלע אנדערע לענדער, וואו זי האט די אינערליכע מלחמה מיט דעם קאמוניסטישען צעשטערונג־עלעמענט אדורכגעמאכט, האט נאך דער דאזיגער מלחמה באקומען איין שרעקליכע ירושה: אנשטאט א געשלאסענע קלאסען־ארגאניזאציע פון ארבייטער, פאר ווירטשאפטליכען קאמף מיט'ן קלאסען־שונאה, זיינען די פאראיינען אויף לאנגע יאהרען פארבליבען אן ארענע פון פאליטישען קאמף צווישען פארשידענע פארטייען, דא זאלען זיך אויסשפילען די קאמפען פאר פאליטישע השפעות. דער גרויסער טייל ענערגיע פון די פאראיינען נעהמט אוועק אויף די דאזיגע קאמפען און צום דערפילען זייער אייגענטליכע אויפגאבען — דעם עקאנאמישען קאמף מיט'ן קאפיטאליסטען־קלאס, זיינען זיי שוין צו שוואך, צעריסען און צעפיצעלט און מיט אן אויסגעשעפטער ענערגיע. פאר די ארבייטער פון אזא לאנד ווי פוילען — א לאנד מיט א שוואכער ווירטשאפט און אומזיכערער קאניונקטור — זיינען אזעלכע פאראיינען אן אומגליק, און פאר אידישע ארבייטער אין פוילען, וועלכע זיינען ווירטשאפטליך נאך ווייניגער זיכער ווי די פוילישע — זיינען אזעלכע אפגעשוואכטע פאראיינען, אנגעפילט מיט אינערליכען פארטיי־קאמף — א טאפעלטער אומגליק.

האפנונגען און שטרעבונגען וועלען רעאליזירט ווערען אין לעבען, אזוי שנעל ווי זיי וועלען באזיגען דעם באלעבאס דורך א סטרייק, און איהם צווינגען נאכצוקומען די פארלאנגען פון די ארבייטער. אבער אפילו נאך דעם ערפאלגרייכסטען סטרייק, מוזען זיך דאך די ארבייטער צוריקקעהרען צו דעם זעלבען שאפ וואו דער זעלבער באלעבאס, כאטש ער איז באזיגט, איז ער אבער פארט דער „באס" און האט פארט די אויבערהאנט איבער זיינע ארבייטער. אין זייער אומצופרידענהייט מיט די ניט זעהר אומצופרימענטאלע פארבעסערונגען וועלכע זיי האבען געקראגען דורך דעם סטרייק, און פארלירענדיג נעדולד מיט דער לאנגזאמער אנטוויקלונג פון דעם פראצעס צו פארבעסערען אלע אנגעזאמעלטע איבלען, מאכט זיי צו זיין אנטוישט אין זייער פירערשאפט, געגען וועלכער זיי הויבען איצט אויף א געשריי פון „פאררעטער!"

פון אנפאנג אן האט אונזער בילדונגס פראגראם באצוועקט צו מאכען אונזערע מיטגלידער צו דיסקוטירען די טאג־טעגליכע פראבלעמען פון זייער ארגאניזאציע אין אונזערע קלאסען, וואו זיי וועלען לערנען צו פארשטעהן די לאגע ריכטיג. מיר האבען פרובירט צו ווירקען, דאס זיי זאלען צוריקברענגען אין זייערע שעפער דעם געדאנק פון ארבייטער בילדונג. די נאהענטע פארבינדונג צווישען דעם קלאס־צימער און די אינסטיטוציע, וועלכע האט זיך ארויסגעוויזען צו זיין אזוי ווערטפול אין דער וועלט פון געשעפט, קען אויך זיין פונקט אזוי ווערטפול פאר דער ארבייטער באוועגונג.

באסטאנער דזשאינט באארד פון סאניטארי קאנטראל נעמט אן מיטלען צו מאכען שעפער ריין און זיכער

נאך דעם דזשענעראל סטרייק פאראיאהרען, האבען די קלאוק און דרעס מאכער פון באסטאן אויסגעקעמפט צווישען אנדערע געווינסען א פונקט אינ'ם אגרימענט וואס רעדט זיך דארט פון סאניטארי קאנדישאנס. און פאר דעם צוועק איז דארט ארגאניזירט געווארען א דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל וועמעס אויפגאבע איז צו זעהן אז דער פונקט זאל אפגעהיט ווערען. די אינסטיטוציע איז איינגעשטעלט געווארען גלייך נאך דעם גענעראל סטרייק.

אויף א מיטינג פון דזשאינט סאניטארי קאנטראל האט מיר לאסקאם באריכטעט, דאס דורך דעם זומער האבען רעדנער פון דער באארד אדרעסירט פארשידענע פארזאמלונגען, אריינגערעכענט קאלעדזשעס און זומער סקולס, און האבען אגיטירט אז קליידער זאלען נאר געקויפט ווערען פון די פלעצער וואס גאראנטירען אז זיי ווערען געמאכט אין סאניטארי שעפער, און עס איז פאראן אויף די קליידער דער סאניטארי לייבעל.

מיס לאסקאם האט אויך באריכטעט, אז זי האט באזוכט 106 שעפער און האט געמאכט דארטען א פאלשטענדיגע אונטערזוכונג וועגען די סאניטארי באדינגונגען. אין 37 פון די שעפער האט זי געפונען אזעלכע באדינגונגען, וואס מען קען זיי אריינרעכענען צווישען די ערשטע קלאס. די איבעריגע באלאנגען איינינע צו קלאס בי, און אנדערע צו קלאס סי. עס וועלען אנגענומען ווערען שטרענגע מיטלען דורכצופיהרען די סאניטארי קאנדישאנס און עס וועלען אנגענומען ווערען מיטלען, אז דער סאניטארי לייבעל זאל זיין אויף יעדען גארמענט.

ברודער פאלאקאף, אינטערנעשאנאל ארגאנייזער, וואס איז איצט דער מענעדזשער פון דער דארטיגער דזשאינט באארד, האט אין א רעדע אויף דעם אויבען־דערמאנטען מיטינג אנגעוויזען אויף די אנדערע איבלען וואס הערשען אין די שעפער און שטעלען אין געפאר דאס געזונד און לעבען פון די ארבייטער. ער האט אנגעוויזען ווי אין א סך שעפער זיינען די פייער־עסקייפס ניט פריי, די טירען פארריגעלט, די עמער פאר וואסער ליידיג, א. ז. וו., און האט דארום געפאדערט אז די באארד אוו סאניטארי קאנטראל זאל גלייך נעמען עקשאן נעגען אט די שעפער וואס זיינען בוכשטעבליך א געפאהר פאר די ארבייטער.

טאראנטא טרייד און לייבאר קאונסיל שליסט אויס קאמוניסטען

דער טאראנטאר טריידס און לייבאר קאונסיל האט לעצטען דאנערשטאג, אקטאבער 20, נאך א שטורעמדיגער פארזאמלונג, וועלכע האט אנגעהאלטען ביז נאך האלבער נאכט, באשלאסען ארויסצוווארפען די קאמוניסטען פון דער דאזיגער קערפערשאפט.

דער באשלוס איז אנגענומען געווארען אין דער פארמע פון אן אמענדמענט צו דער קאנסטיטוציע, וועלכער זאגט אז די דעלעגאטען וועלכע פריידיגען נעגנערשאפט צו אינטערנעשאנעל יוניאנס, און זוכען צוצוברעכען די עקזיסטירענדע יוניאנס זאלען אויסגעשלאסען ווערען פון טרייד און לייבאר קאונסיל.

דזשיימס סימפסאן, וועלכער האט געמאכט דעם אמענדמענט האט אפען ערקלעהרט, אז די קאמוניסטען אין קענעדע נעמען ארדערס פון דריטען אינטערנאציאנאל, און זייערע ארדערס זיינען, מ'זאל צוברעכען וואס מעהר יוניאנס, ארייגברענגען רייסערייען אום זיי זאלען דארטען קענען פארכאפען די מאכט.

די עטליכע קאמוניסטישע דעלעגאטען ביים קאונסיל האבען שטארק געקעמפט נעגען דעם אמענדמענט. עס איז אבער אנגענומען געווארען מיט דער געזעליכער דריי פערטעל מערהייט וועלכע איז נויטיג פאר דעם.

New Words! New Words!

thousands of them spelled, pronounced, and defined in

WEBSTER'S NEW INTERNATIONAL DICTIONARY

The "Supreme Authority" *Get the Best!*

Here are a few samples:

agrimotor	soviet	abreaction
hot pursuit	cyper	rotogravure
Air Council	askari	capital ship
mud gun	sippio	mystery ship
Ruthene	sterol	irredenta
paravane	shoneen	Flag Day
megabar	Red Star	Esthonia
S. P. boat	overhead	Blue Cross
aerial cascade		
camp-fire girl		



Is this Storehouse of Information Serving You?

2700 Pages. 6000 Illustrations
407,000 Words and Phrases
Gazetteer and Biographical Dictionary

WRITE for a sample page of the *New Words*, specimen of Regular and India Papers, FREE
G. & C. Merriam Co., Springfield, Mass., U.S.A.

מיט יאהרען צוריק

(אמת'ע פאסירונגען אין קלאוק שעפער פון אמאליגע צייטען). :: פון אן אלטען קלאוקמאכער.

3

א וואקינג דעלעגאט צושטערט א יוניאן שאפ.

אמאליגע צייטען, ווען מען האט געארבייט שטיק-ארבייט, איז א מארע געווען, אז נאכדעם ווי מען פלעגט אפ-סעטלען פרייזען פאר'ן סעזאן, האבען די באסעס געגעבען א פאר דאלאר אויף א טרים. די ארבייטער פלעגען אוועק-געהן אין א באקאנטען רעסטאראנט און מאכען א פארטי, אין די גרעסערע שע-פער פלעגען די באסעס מאכען אזא פארטי פאר'ן גאנצען שאפ ארבייטער, וואס עס פלעגט באטרעפען אייניגע הונ-דערט דאלאר.

ביי אזעלכע גרויסע פארטים איז דער באס געווען דער גאנצער מחותן, אפט-מאל פלעגט מען איינלאדען דעם וואַ-קינג דעלעגאט, וואס האט געהאלפען סעטלען די פרייזען, ער זאל זיך אויך משמח זיין מיט די ברידער ארבייטער.

אין אזא איינעם פון די גרויסע שע-פער האט דער באס באשטעלט א סאפער פאר דעם גאנצען שאפ ארבייטער, וואס האט באטראפען א פאר הונדערט דא-לאר. דער וואקינג דעלעגאט איז אויך איינגעלאדען געווארען.

ויהי כטוב לב אן ארבייטער ביין" — ווען דער עולם האט אנגעפאנגען צו פיהלען די באגייסטערונג פון די גוטע מאכלים, איבערהויפט פון די גוטע שנאפסען און ביער, האט מען זיך גע-נומען האלטען ספיטשעס. יעדער אר-בייטער האט געוואלט איבערשטייגען דעם צווייטען, דערוויילענדיג וואס פאר א גוטער און פיינער מאן אונזער באס איז, יעדער רעדנער האט דעם באס גע-וואונשען, אז צום נעקסטען סעזאן זאל ער האבען זיין פעקטארי פארגרעסערט אויף הונדערט פראצענט, און די נעקסטע פארטי זאל געמאכט ווערען אין א רע-גולען האטעל!

דער לעצטער רעדנער איז געווען דער וואקינג דעלעגאט. זייענדיג אויך באַ-גייסטערט פון די גוטע משקה, שטעלט ער זיך אויף און מאכט דעם פאלגענדען ספיטש:

„ברידער און שוועסטער! איהר זייט היינט ביינאכט זיך אלע צוזאמענ-געקומען דא זיך משמח צו זיין מיט דעם סעטעלמענט פון די פרייזען. מיינט איהר דאך אפשר, אז איהר האט דעם באס אפגענארט און איהר וועט דיזען סיזאן פארדינען א סך געלט, זאג איך אייך, אז איהר מאכט דעם גרעסטען מיסטייק. גראדע פארקערט, דער באס האט אייך אפגענארט, איהר וועט פארדינען קרענק און קדחות. די גאנצע געלט וועט דער באס מאכען, און דעריבער האט ער פאר אייך געמאכט די פארטי און אייך גוט אנגעטרונקען, כדי עס זאל איהם זיין לייכטער אייך צו פליקען. א סימן האט איהר, אז אפילו די היינטיגע פארטי איז אייך ניט פאר'ן באס' געלד, נאר פון דאס געלד וואס ער האט אייך ניט דער-צאהלט לעצטען סעזאן. די שנאפס מיט די ביר, וואס איהר האט געטרונקען, איז ניט געווען קיין שנאפס און ביער, נאר איהר האט געטרונקען אייער אייגען בלוט, די פלייש וואס איהר האט גע-געסען איז געווען אייער אייגען פלייש, ווייל עס איז אלעס פאר אייער געלט; וואלט ער אייך אוועקגעגעבען די פולע פרוכט פון אייער ארבייט, וואלט ער קיין געלט ניט געהאט צו מאכען פא-רים; וואלט איהר ניט געשקלאפט פאר אייערע בלוט-זויגער, וואלטען זיי קיין באסעס ניט געווען; דעריבער זאג איך אייך, שוועסטער און ברידער, אז פון יעצט אן און ווייטער דארפט איהר אלע זיין גוטע יוניאן לייט, און ניט לאזען די פאראזיטען זויגען אייער בלוט; נאר דורך דער יוניאן וועט איהר געניסען די פולע פרוכט פון אייער ארבייט! — דערפאר רופט אלע אויס:

עס לעבען די קלאוקמאכער יוניאן!"

ענדיגענדיג, קערט ער זיך אום צום באס און שליסט מיט די פאלגענדע ווערטער: „און אייך, מיסטער באס, ווינש איך, אז צום נעקסטען סיזאן זאלט איהר קיין באס ניט זיין, און זיי זאלען קיין ארבייטער ניט זיין!"

אויפ'ן צווייטען טאג, ווען די בעלי מלאכות זיינען זיך צוזאמענגעקומען צו דער ארבייט, האבען זיי שוין געטראפען דעם באס ביי דער טיר, ערקלערענדיג יעדען איינעם, אז ער האט אנגענומען די עצה פון דעם וואקינג דעלעגאט — ער איז פאר זיי מעהר קיין באס ניט, און זיי זיינען פאר איהם אויס אר-בייטער!

———

שאפ, מיט וועמען די יוניאן האט געהאט געסיינט אן אגרימענט. דיזער שאפ איז ביי דער יוניאן פאררעכענט געווען אלס א גוטער יוניאן שאפ, נאר יעדעס מאל, ווען דער וואקינג דעלעגאט פלעגט ארויפקומען קאלעקטען יוניאן דיוס, האט ער אימער געטראפען א פאר מאשינען ליידיג, אהן אפערייטארס, טראצדעם, וואס ארבייט איז אויף די מאשינען גע-לעגען. דער וואקינג דעלעגאט האט שוין פארשטאנען, אז דאס באהאלטען זיי זיך אויס פון איהם. אזוי שנעל ווי זיי דערזעהען איהם ארייינקומען, נעמען זיי דעם דרך און ווארטען איבער ביז ער געהט אוועק, כדי זיי זאלען פארשפארען צו צאהלען דיוס צו דער יוניאן.

איינמאל האט דער וואקינג דעלעגאט באשלאסען, אז ער מוז די חברה-לייט פאקען, ווען זאגאר ער וועט דארפען פארברענגען א גאנצען טאג אין שאפ. דער שאפ איז געווען זעהר א גרויסער און האט געהאט פילע פלעצער וואו מען האט געקענט זיך אויסבאהאלטען.

ארבייטענדיג שטיק-ארבייט, האבען די באסעס ניט געקערט, וואס די בעלי מלאכות דרעהען זיך ארום, און אזוי ארום פלעגען זיי זיך ארומדרעהען ביז וואנען דער וואקינג דעלעגאט פלעגט אוועקגעהן, וואס פלעגט דויערען העכ-סטענס א האלבע שטונדע אדער פילייכט אמאל א שטונדע. דיזעס מאל אבער האט עס געדויערט מעהר ווי צוויי שטונ-דען, און דער וואקינג דעלעגאט איז נאך אלץ דא אין שאפ.

בקיצור, די חברה האבען שוין פאר-שטאנען אז דיזען מאל וועלען זיי זיך שוין ניט קענען ארויסדרייען און אויס-באהאלטענדיג זיך, פארלירען זיי א סך מעהר ווי באצאהלענדיג דיוס פאר צעהן וואכען, וועלכעס האט בלויז באטראפען צעהן סענט א וואך, און זיי זיינען ענד-ליך צוריקגעקומען און זיך געזעצט אר-בייטען.

דער וואקינג דעלעגאט איז גלייך צו זיי צוגעקומען און געפרעגט אויף זייערע יוניאן ביכלאך. יעדער פון זיי האט גע-טריט אנצוגעבען פוילע תירוצים, ווא-רום זיי צאהלען קיין דיוס ניט.

איינער האט זיך אבער געמאכט מוט און האט דעם וואקינג דעלעגאט ער-קלערט, אז פרינציפיעל איז ער געגען יוניאנס, זייענדיג אן אנאַרכיסט, גלויבט ער ניט אז יוניאנס פארבעסערען די לאגע פון די ארבייטער, ווייל אזוי שנעל ווי די ארבייטער קריגען העכערע ווייידזשעס, רייזען די קאפיטאליסטען די פרייזען אויף אלע לעבענס-מיטלען, און די אר-בייטער געווינען גארניט מיט זייערע סטרייקס פאר העכערע פרייזען. ער גלויבט נאר אין מאכט, ער וויל זעהן ווי שטארק די יוניאן איז, אויב די יו-ניאן וועט זיין שטארק גענוג איהם צו צווינגען צו באלאנגען צו דער יוניאן, וועט ער דאמאלסט ווערען א יוניאן מאן, ניט פריהער.

דער וואקינג דעלעגאט איז דא גע-בליבען אין א פארלעגנהייט. זאל ער אפשטעלען דעם שאפ, וועלען דערווייל די ארבייטער פארלירען א פאר טעג אר-בייט אין סעזאן. און ווער ווייסט? — טאמער האט ער טאקע א שטארקען פול ביים באס און דערפון קען נאך אמאל ווערען א פארשלעפטער סטרייק.

דער וואקינג דעלעגאט האט ביי זיך באשלאסען פארלויפיג דעם שאפ ניט צו סטאפען, נאר צייגען דעם בחור אויף אן אנדער וועג ווי שטארק די יוניאן איז.

א טאג צוויי שפעטער, ווען דער בחור איז אהיים געגאנגען פון דער אר-בייט שפעט אין אווענט, האבען איהם באגעגענט א פאר שטארקע יוניאן לייט און האבען איהם געגעבען די ריכטיגע עליה, און איהם געצייגט ווי שטארק די יוניאן איז.

אויפ'ן צווייטען טאג קומט דער בעל דבר אריין אין אפיס פארבונדען דעם קאפ מיט שמאטעס און זאגט צום וואַ-קינג דעלעגאט: ברודער, אצינד געה איך ווערען א יוניאן מאן, ווייל איך האב אויסגעפונען אז איהר האט א שטארקע יוניאן.

בילדונג און יוניאן פראגרעס

פון פאניא מ. קאהן.

ווי איך האב שוין באמערקט אין א פריערדיגען ארטיקעל, האבען מיר, בשעת מיר האבען אויסגעארבייט אונזער ביל-דונגס-פראגראם, געשענקט די גרעסטע אויפמערקזאמקייט צו די פאלגענדע צוויי הויפט פאקטארען — דעם כאראקטער פון אונזער אינדוסטרי, און דעם כא-ראקטער פון אונזערע מיטגלידער, ד. ה., זייער עקאנאמישען, סאציאלען און איני-טעלעקטואלען צוזאמענשטעל, און נאך מער — זייער סאציאלע פילאזאפיע.

ווייל ווערענד עס איז אמת, דאס אלע אונזערע מיטגלידער האבען פאר זיך איין געמיינזאמען ציל — צו שאפען א נייע וועלט, באזירט אויף א נייער מאראלי-שער ארדנונג, זיינען זיי אבער געטיילט אין זייערע מיינונגען וועגען די אופנים ווי אזוי דיזער ציל קען אם בעסטען דער-גרייכט ווערען.

מיר האבען, דעריבער, געמוזט זיין זעהר פארזיכטיג ביים אנטוויקלען אונ-זער בילדונגס פראגראם כדי ווי ווייט מעגליך צו פארמיידען שטרייטיגקייטען אין קלאס-צימער. מיר האבען ניט גע-קענט שטיצען איין טעאריע, ווייל דאס וואלט געווען א דירעקטער אנגריף אויף די גרופען וועלכע האלטען אנדערע מיי-נונגען. עס איז, דעריבער, געווען נויט-ווענדיג, דאס מיר זאלען אונזער פראַ-גראם באזירען אויף דעם אלגעמיינעם אינטערעס פון אלע אונזערע מיטגלידער אין דער ארגאניזירטער ארבייטער באַ-וועגונג, און זייער באזונדערען אינטע-רעס אין אונזער אינטערנעשאנעל יוניאן. און יעדער געגענשטאנד האט געמוזט אנטוויקעלט ווערען לויט דיזע ליניען. מיר האבען ניט פארלאנגט פון אונזערע לערער, דאס זיי זאלען אננעמען אדער גלויבען אין וועלכער ניט איז ספעציעלער טעאריע, וועלכע די אדער יענע גרופע אונטערשטיצען; מיר האבען פון זיי בלויז פארלאנגט, דאס זיי זאלען גלוי-בען אין דער ארגאניזירטער ארבייטער באוועגונג אלס א מעכטיגע קראפט, וועל-כע איז פעהיג צו ברענגען אויף דער וועלט וויכטיגע סאציאלע און עקאנאמי-שע פארבעסערונגען און- איבערהויפט, דאס זיי זאלען זיין סימפאטיש צו דעם אנטנילטיגען שטרעבען פון אונזערע מיט-גלידער.

אין אונזער פראגראם ווערט, דערי-בער, איינגעשלאסען אזעלכע געגענשטאנ-דען, וועלכע וועלען אונזערע מיטגלידער באקענען מיט דער געשיכטליכער אנט-וויקלונג פון דער ארבייטער באוועגונג, איהרע צילען און שטרעבונגען, מאכען זיי בעסער צו פארשטעהן די קאמפען וועלכע זי האט אנגעפיהרט, און די מא-טיווען וועלכע האבען איר געטריבען צום קאמף. נאך מעהר, מיר באמיהען זיך צו געבען דעם ארבייטער צו פאר-שטעהן, דאס ניט קוקענדיג אויף וועלכע ניט איז חסרונות, וועלכע די ארבייטער באוועגונג קען מעגליך באזיצען, איז זי אבער די איינציגע באוועגונג דורך וועל-כער דער ארבייטער קען פונקציאנירען אלס א וויכטיגער פאקטאר אויף די סאַ-ציאלע, עקאנאמישע און פאליטישע גע-ביטען.

אין די קלאסען זעהען אונזערע סטו-דענטען איין, דאס דער פראגרעס און אנטוויקלונג פון דער ארבייטער בא-וועגונג איז אפהענגיג אן דער אינטע-ליגענץ און פארטגעשריטענקייט פון איה-רע מיטגלידער, ווייל די ארבייטער בא-וועגונג, פונקט ווי יעדער אנדער בא-וועגונג, שפיגעלט אפ דעם פארשטאנד, דעם אינטעלעקטועלען געבוי, און די סאַ-ציאלע פילאזאפיע פון דעם עלעמענט וועלכער געפינט זיך אין איהר. איך גלויב, דאס זיי האבען אין אונזערע קלא-סען אויך געלערענט, דאס עס איז א טעות צו לייגען די שולד פאר דעם, וואס א יוניאן מאכט ווייניג פראגרעס, אויסשליסליך אויף איהרע פיהרער. דאס הייסט צו פארבלענדען די אויגען מיט האלבע אמת'ן. ווייל נאך אלעמען קומט דער טרייד יוניאן פיהרער ארויף פון די רייהען פון די ארבייטער זעלבסט. די פיהרערשאפט פון א יוניאן ווערט אנטוויקעלט אין דער יוניאן זעלבסט, און ווערט ניט צוגעצויגען פון פרעמדע עלע-מענטען.

אויסער דעם, האבען אונזערע סטו-דענטען געלערענט וועגען דעם וואס קומט פאר אין אונזער אינדוסטריע בפרט, און בכלל וועגען דער טעטיג-קייט אין די גרונט אינדוסטריע, [illegible] זיי האבען געלערענט, דאס דער פראגרעס פון א יוניאן איז אפהענגיג אן דער עקאַ-נאמישער לאגע אין דער אינדוסטריע זעלבסט, און אויך אן דעם עלעמענט וועלכער פיהרט די אינדוסטריע, — זיי-ערע סאציאלע אנשויאונגען, ווי אזוי זיי באגרייפען די פראבלעמען וואס שטעהען פאר דער אינדוסטריע, און דעם אופן ווי אזוי זיי טרעטען צו צו לייזען דיזע פראבלעמען.

אונזערע לערער האבען גענומען אלס ביישפיל אונזער אייגענע אינדוסטריע. די פראבלעמען וועלכע שטעהען פאר פאר דער פרויען קליידער אינדוסטריע, זיינען אין דער עפענטליכקייט דיסקו-טירט געווארען אויף א ברייטערען און מער אלזייטיגען אופן, ווי וועלכע ניט איז אנדער אינדוסטריע. דאס קומט א דאנק דעם, וואס אונזער אינטערנעשא-נאל איז שטענדיג געווען טיף פאראינ-טערעסירט אין דיזע פראבלעמען, דיסקו-טירענדיג זיי אויף אלע פארזאמלונגען און צוזאמענקונפטען, עקזעקוטיוו מי-טינגען, נאר נאך מעהר אין אונזער פרע-סע. איבערהויפט האט זיך דיזער אינ-טערעס פארשטארקט אין פארלויף פון די לעצטע עטליכע יאהר, נאכדעם ווי אונזער גענעראל עקזעקוטיוו באארד האט פארמולירט א קאנסטרוקטיווע פראגראם פאר אונזער אינדוסטריע. די-זע פראגראם האט געוואונען די אויפ-מערקזאמקייט פון פילע עקאנאמיסטען, און סתם פראגרעסיווע מענער און פרוי-ען, צו אונזער אינדוסטריע. זיי האבען ריכטיג אפגעשאצט די באמיהונגען פון אונזער יוניאן אוועקצושטעלען אונזער יוניאן אויף א געזונטען מצב, א זאך וואס וואלט געווען א טובה פאר אלע פאקטארען וועלכע זיינען מיט איהר פארבונדען — די קאנסומערס, די אר-בייטער, און די לייטער פון דער אינדוס-טריע. דיזע קאנסטרוקטיווע עלעמענ-טען האבען ריכטיג פארשטאנען די וויכ-טיגקייט פון דער יוניאנ'ס באמיהונגען צו העלפען אונזער „קראנקע" אינדוס-טריע דורך דעם וואס זי זוכט צו געווי-נען די ארבייטער צו דיזער קאנסטרוק-טיווער פראגראם.

מיר אלע ווייסען פון ערפאהרונג, דאס קיין קאנסטרוקטיווע פראגראם קען ניט דורכגעפיהרט ווערען מיט ערפאלג בלויז דורך סטרייקס, און דעריבער זיי-נען מיר געווען צופרידען איבערצוגע-בען אונזער פראגראם פאר באטראכטונג צו אן אומפארטייאישער קערפערשאפט. עס איז נאטירליך געווען פאראויס פאר-שטאנען, דאס מיר פארפליכטען זיך ניט אנצונעמען די אנטשיידונג פון די-זער קערפערשאפט, נאר מיר פארשפרע-כען ווי ווייט מעגליך צו קאאפערירען דערמיט. מיר האבען דיזען שריט גענו-מען, ניט אכטענדיג וואס איינינע גרו-פען אין אונזער יוניאן זיינען געווען שטארק דאגעגען, ווייל זיי האבען ניט געקענט פארשטעהן דעם היסטאריש-בא-וויזענעם פאקט, דאס רעוואלוציעס, אפילו די ערפאלגרייכסטע, דערגרייכען קיינמאל ניט דעם געשטעלטען ציל.

רעוואלוציעס שפרינגען ארויס פון אזא צושטאנד, וואו איין מעכטיגע גרו-פע אין א געזעלשאפט נעמט א געוויסע ראדיקאלע פראגראם, וואס איז דירעקט אין געגענזאץ צו דער אנגענומענער פרא-גראם פון א צווייטער איינפלוסרייכער גרופע. א צוזאמענשטויס איז דאן אומ-פארמיידליך, און די שטארקערע גרופע באזיגט די שוואכערע. אויב די גע-נער פון דער נייער פראגראם קומען ארויס די זיגער, בלייבט די זעלבע ארד-נונג וואס פריער. אויב, אבער, די אונ-טערשטיצער פון דער נייער ארדנונג גע-ווינען, פארטרייבען זיי די ערשטע גרופע אלס א פאליטישען פאקטאר און זיי זיי-נען דאן אין דער לאגע אויסצופרואווען זייער נייע סאציאלע און פאליטישע פראגראם.

עס שטעהט איצט אבער פאר פאר דער גרופע, וועלכע האט דורך דער רע-וואלוציע געוואונען דעם אויבער-הער-שאפט, די אומגעהויערע שווערע אויפ-גאבע פון דורכפיהרען איהר גראפראם אין לעבען, און איינפירען די רעפארמען וועלכע זי האט פארשפראכען. ווי דער פאל איז געוויינליך, איז די גרופע וועלכע האט די מאכט, פילענדיג די גרוי-סע פאראנטווארטליכקייט וואס זי טראגט אויף זיך, און די שוועריגקייטען צו מאכען באלדיגע פארבעסערונגען, אפט געצוואונגען צו מאכען קאמפרא-מיסען, ניט אין דעם אידעאל, אבער אין דער פראקטישער דורכפירונג פון דעם אידעאל, און זיי זיינען אפטמאל צופרי-דען ווען עס געלינגט זיי טיילווייז צו רעאליזירען זייער פראגראם, שענקענדיג די הויפט אויפמערקזאמקייט צו די באל-דיגע און דרינגענדסטע נויטען פון דער געמיינדע.

דאס ברענגט דערצו, דאס פילע, סיי פריינד, און סיי געגנער, זאלען שארף ארויסטרעטען געגען אזא מין פאליסי. זיי באשולדיגען די פיהרערע פון דער רעוואלוציע, דאס זיי האבען פארראטען די אינטערעסען פון דער מאסע. ספע-ציעל די געגנער פון דעם נייעם רעזשים טרעטען שארף ארויס געגען די פיהרער, אין דער האפנונג צו דעמאראליזירען און אונטערגראבען די נייע רעגירונג. און אפילו די פריינט פון דער נייער ארד-נונג, ניט באגרייפענדיג די שוועריגקיי-טען וועלכע זיינען פארבונדען מיט אזא מין ריזיגע ארבייט, ווי איבערבויען די געזעלשאפט, טוען אפט אן נאך מעהר שא-דען ווי די געגנער פאר דעם רעזשים, וועלכע איז, אין דער אמת'ן, זייער איינ-ציגע האפנונג צו קענען דערגרייכען די פארבעסערונגען פאר וועלכע זיי האבען געקעמפט און זיינען געווען גרייט צו מאכען די גרעסטע קרבנות. און די מא-סע רופט זיך ווארים אפ, ווען זיי הויי-בען אן צו באגרייפען, דאס אלע זייערע

———

ווילען וויסען צו די יוניאן איז שטארק

[illegible] בראדוויי און [illegible] סטרים
[illegible]

קלאוק פינישערס לאקאל 9

א. ל. ג. וו. י., אויפמערקזאם!

צוליב די יום־טובים וועלען אונזערע מיטינגען ניט אפגעהאלטען געווארען רעגעלמעסיג.

קומענדען מאנטאג, דעם 31טען אקטאבער, 1927

וועלען מיר אפהאלטען

ספעציעלע און רעגעלע סעקשאן מיטינגען

אין די פאלגענדע פלעצער:

דאון טאון — אין בעטהאווען האל, 210 איסט 5טע סטריט.
האַרלעם — אין דער ארבייטער רינג שולע, 1399 פארק עוועניו.
בראנקס — אין ארבייטער רינג צענטער, 1581 וואשינגטאן עוו.
בראַונזוויל — אין לייבאר לייסעאום, 219 סעקמאן סטריט.

זעהר וויכטיגע פראגען וועלען אויף דעם טאגעס ארדנונג פון אונזער לאקאל פארהאנדעלט צו ווערען. די פראגען פון פראפארציאנעלע פארטרעטערשאפט צו די אינטערנעשאנאל קאנווענשאנס און אויך די שטאַנד וואו די נעקסטע קאנווענשאן זאל געהאלטען ווערען, וועלען ביי די מיטינגען דיסקוטירט און געשטימט ווערען. פארטרעטער פון דער אינטערנעשאנאל וועלען אנוועזענד זיין.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 9 (פינישערס) א. ל. ג. וו. י.

ל. ק'יפמאן, טשערמאן. נ. קווירצמאן, מענעדזשער.

סקוירטמאכער

מעמבערס פון לאקאל 23, אויפמערקזאם!

א דזשענעראל מעמבער מיטינג

פון די סקוירטמאכער וועט אפגעהאלטען ווערען

דאנערשטאג, 3טען נאוו. גלייך נאך דער ארבייט

אין 231 איסט 14טע סטריט, אויפ'ן 5טען פלאָר

עס וועט פארקומען ערשטע און לעצטע נאמינייטשאנס פאר מענעדזשער, עקזעקוטיוו באארד און רעליף קאמיטע. עס וועט אויך ערוועהלט ווערען אן עלעקשאן און אבדזשעקשאן קאמיטע. עס וועט אויך דיסקוטירט און געשטימט ווערען וועגען דער פראגע פון פראפארציאנעלער פארטרעטערשאפט צו דער נעקסטער קאנווענשאן, ווי אויך וועגען דער שטאָדט וואו די נעקסטע קאנווענשאן זאל אפגעהאלטען ווערען.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 23

מ. קאנסקי, טשערמאן.

קויפט שיך מיט דעם יוניאן שטעמפעל

מיר ווענדען זיך צו אלע מיטגלידער פון דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט צו קויפען שיך וועלכע האבען דעם שטעמפעל פון אונזער יוניאן אויף דעם זויל, איננווייניגסטער זויל, אדער אויף דעם ליינינג פון שוך. מיר בעטען אייך ניט צו קויפען שיך, סיידען איהר זעהט אט דעם יוניאן שטעמפעל מיט אייערע אייגענע אויגען.

בוט און שוה ווארקערס יוניאן

אפיליאייטעד מיט דער אמעריקאן פעדערייש אן אוו לייבאר

246 סאמער סטריט, באסטאן, מאסס.

קאלים לאוולי — גענעראל־פרעזידענט
טשארלס ל. בעין — גענעראל סעקרעטאר־טרעזשורער.

לערענט דעזיינינג

איהר קענט פערדינען פון 50 ביז 200 דאלאר וועכענטליך

נעהמט א קורס אין דער בעריהמטער

מיטשעל דעזיינינג סקוהל

און מענ'ס, פרויען, מיסעס און קינדער קליידער און ליידיס פאר גארמענטס.

די מיטשעל סקוהל פאר דעזיינינג לערנט צו מאכען פעטערנס, גריידינג, דרייפינג און פיטען קלאוקס, סוטס, דרעסעס, פאר פאר גארמענטס און מענ'ס קליידער.

עקזיסטירט איבער 50 יאהר.

די סקול האט ערוויזען

נייע מעטאדען, נייע סיסטעמען, בעסטע רעזולטאטען.

א קורס אין דער מיטשעל דעזיינינג סקול מיינט א בעלדיגע שטעלע און גוטע ווייגעס.

א גוטע פראפעסיאן פאר מענער און פרויען, און עס איז זעהר לייכט זיך אויסצולערנען.

אונזערע לעססאנס ווערען געגעבען אין אייער אייגענער שפראך. און איהר זעלט אלעס פארשטעהן.

די בעדינגונגען פאר'ן אויסלערנען זיך זיינען זעהר לייכטע. מיר זיינען די עלטעסטע פעשיאן קאמפאני אין אמעריקא און מיר פארקויפען פעשיאנס און שיידען אלערליי פעטערנס.

טאג און אווענט קלאסען.

עוועניוגלאס, סאבוועג, פינוואר און פרייסעס.

פרייע דעמאנסטרעישאן אין אונזער סקוהל.

שרייבט פאר פרייע אינפארמאציע.

מיטשעל דעזיינינג סקוהל

15 וועסט 37טע סטריט, ניו יארק. טעלעפאן וויסקאנזין 5970.

ביים דיוס פענסטער איז ביזי.

(שלום פון שיקאגא'ר פוידזש)

מוניסטען געהייסען און דער קוריער האט געשריבען, ווייל דאס וועט דאך אפשר שאדען דער יוניאן! עס איז אבער קיין אונטערשייד ניט ווער עס האט דאס געזאגט, די קאמוניסטען אדער דעם קוריער, זאלען זיי זיך קוויקען מיט חלשות־טראפענס. די מעמבערשיפ — יע, די גרויסע מאסען, די רענק און פייל, ווייסען, אז עס איז א פארלוימדונג, א פשוט'ער ליגען, ווייל זיי אליין צאהלען דאך זייער דיוס און זעהען די לייגס וואס געפינען זיך לעבען פענסטער צו צאהלען דיוס, און ניט אפצונעמען, ווי עס איז גאנץ אפט דער פאל אין דעם סעקב־קלייזעל אויף וועלס סטריט.

פארבייגעהענדיג וויל איך נאך זאגען א פאר ווערטער, וואס וועט אפשר וועהטאן די שונאים פון דער ארבייטער באוועגונג, דערפאר וועט דאס אבער פרעהען די טויזענטער ארבייטער פריינט. אונזער שיקאגא'ר יוניאן איז גערעטעט און געוויכערט פון די, וועלכע האבען איהר געוואלט פארניכטען. דער קריזיס איז פאראיבער. דער ברודער־האס הערט אויף. עס צוגעהען די פינסטערע כמארעס. עס שיינט אויף א העלער, א ליכטיגער טאג. די יוניאן קריגט צוריק איהר אמאליגען גלאנץ און ווערט, און עס וועט ניט נעמען לאנג און דער גאנצער טומעל, וואס דא איז געווען, וועט זיין א זאך פון דער פארגאנגענהייט.

הארלעם באנק און קאמערס

2118 — 2טע עוועניו, ניו יארק

טעלעפאן לעהיי 3800־1־2־3.

ברענטש: 431 — 3טע עוו., נ. י.

טעלעפאן לעקסינגטאן 8055

די ארבייטער באנק פאר'ן ארבייטער

אלע בענקינג אפעראציעס

4½%

מאני ארדערס, קרעדיט־בריוו, דרעפטס, שיפס־קארטען, נאטערי פאבליק, סייף־דעפאזיט וואלטס

פארגעשלאסען אין דער

אטלאנטיק סטייט באנק

594 אטלאנטיק עוועניו, ברוקלין.

ברענטשעס: 182 גרייהעם עוו., ברוקלין.

108טע סט., קאר. 1טע עוועניו, נ. י.

די אידישע אגרי־קולטור (באראן הירש) סאסייעטי

העלפט אלע צוקונפטיגע פארמערס מיט אויסקינפטע וועגען פארמערי און ווי זיך אויסצוהיטען פון שווינדלערס, ווען איהר קויפט אייער פארם.

ניט קיינע דעפאזיטס איידער איהר בארעדט זיך מיט אונז.

אונזער ראט און הילף איז אבסאלוט פריי. שרייבט אדער קומט פערזענליך.

אפען טעגליך אויסער שבת — פון 9 ביז 5 זונטאג — ביז 1 אוהר.

JEWISH AGRICULTURAL SOCIETY, INC.

301 E. 14th St. New York City

פרעסער פון קלאוקס

זאגט אן אייערע באסעס אז דער פייער דעפארטמענט האט געמאכט א געזעץ, דאס קיין ווייער־ברעטלאך מאר ניט ווערען צוגעשלאגען אויף האלץ אדער אנדערע ברענענדע שטאפען, עס מוז זיין דורכאויס פייער־פרוף.

מיר האבען אויפגעפיקסט אונזערע ווייער־ברעטלעך צו פרעסען וועלוועט פלאש און בעליוויי ריכטיג נאך דעם פארלאנג פון דעם פייער דעפארטמענט. אויב איהר האט אין שאפ די אלטע סטיילס, וועלכע זיינען צוגעשלאגען אויף האלץ, קענען מיר עס פאר אייך פיקסען נאך דעם נייעם געזעץ און איהר וועט ניט האבען קיין טראבעל פון קיינע אינספעקטארס.

מיר פארקויפען אויך סטימערס נאך די נייע רולס פון דעם לייבאר־דעפארטמענט.

מיר האבען אויך די בעסטע פיגקינג מאשינס אין מארקעט.

די אמעריקען פלאש און וועלוועט פרעסבארד קאמפאני

321 פינפטע עוועניו, ניו יארק. טעלעפאן אשלאנד 6650 און 6651

קאונטרי ארדערס ריכטיג אטענדעט.

דער

ארבייטער רינג

אין דער גרעסטער און שטארקסטער ראדיקאלער אידישער ארבייטער ארדען אויף דער וועלט.

פארמאגט — $2,500,000.00

מיטגלידער — 83,000

ברענטשעס — 740

דער ארב. רינג שיצט יעדען וויכטיגען עקאנאמישען און פאליטישען קאמף.

דער ארב. רינג איז דער קולטור צענטער אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג.

דער ארבייטער רינג איז דער איינציגער אידישער ארדען, וואס האט אן אייגענעם סאניטאריום פאר זיינע קאנסאמפטיוו מיטגלידער.

מעמבערס ווערען אריינגענומען אין עלטער פון 18 ביז 45 יאהר.

אויב איהר זייט נאך ניט קיין מיטגליד, שליסט זיך גלייך אן!

נאך אויסקינפטע זיך ווענדען:

THE WORKMEN'S CIRCLE

175 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y.

דער היסטארישער „סטרייק"

(שלום פון שיקאגא'ר פיידזש)

איינציגער פלאן, א דזשענעראל סטרייק. איך וועל ערקלערען די בעלי בתים אז עס איז ניט קיין קליינינקייט, עס איז א דזשענעראל סטרייק, און מארגען פריה סטאפ איך אפ אלע ארבייטער פון דער ארבייט, אז אפילו א רעדעל וועט זיך ניט דרעהען — איין פיפס און אלע גע־הען ארונטער. יע, דאס איז א גוטע מאנעווער. עפעס מוז דאך געטאן ווערען.

(עס עפענט זיך אויף די טיר און חבר סאל און חבר סעפ קומען אריין).

ס א ל : נו, וואס הערט זיך, ווי קוקט דאס אויס?

ד י י ו ו י ד ס א ן : זעהר שלים, זעהר שלים. מיר געהען רופען מארגען פריה א דזשענעראל סטרייק. עס וועט זיין אביסעל לעבעדיג אין מארקעט. דאס וועט זיין א סורפרייז אטאקע. מיר מו־זען אנווענדען אונזער לעצטע וואפע — אן אלגעמיינע זאבאסטאווקע.

ס א ל (מיט א שמייכעל) : זעהר גוט, זעהר גוט — דאס הייסט גוטע ארבייט געטאן! וואס דען, ווי ביז יעצט, ווי מיר האבען געשלאפען?

ס ע פ : אונזער שאפ וועט אויך דארפען געהן אין סטרייק?

ד י י ו ו י ד ס א ן : איבעראל, יעדער שאפ.

ס ע פ און ס א ל (אין חעכערע טענער) : א נא, א נא! נים ביי אונז, ניט ביי אונז!!

ס ע פ : מיר וועלען ניט פארלירען קיין דזשאבס צוליב אייך! איך בין ניט ווי ניידעל, דער יאלד, וועמען מיר האבען איינגערעדט ניט צו צאהלען קיין דיוס אין דער יוניאן און אז מיר וועלען איהם פראטעקטען, און וואס איז דער סוף? — ער האט ניט געצאהלט קיין דיוס, האט איהם די יוניאן ארונטערגע־נומען פון דער ארבייט, און וואס האט איהר פאר איהם געטאן? גארניט, גאר־ניט... וואס קענט איהר טאן? מיר ווייסען דאך דעם אמת... איהר קענט דאך מיר ניט בלאפען... (שווייגט שפיל, פאר א ווײַלע) : מיר וועלען אין סטרייק ניט געהן.

ס א ל : מוז דאס אונזער שאפ אויך זיין? נו, וועט זיין א סטרייק אהן אונזער שאפ! איך ווייס ניט, צי די אר־בייטער וועלען ארונטערגעהן. איך בין איינשטימיג צו רופען דעם סטרייק, אבער אהן אונזער שאפ.

ד י י ו ו י ד ס א ן : אלראיט, זאל זיין אהן אייער שאפ! מיר דארפען דען האבען דעם סטרייק? מיר דארפען דאך מעהר ניט ווי צייגען פאר די אנדערע שטעדט, און כדי מיר זאלען מאכען א פאר טאלער.

ל ע ו ו י ן : אלראיט, זאל זיין אזוי! אלזא, באיעס, מארגען אין דער פריה צום היסטארישען מאמענט! מיר וועלען זיי צייגען ווי מיר פראגרעסיווע פיהרען א סטרייק! די שטאדט וועט אזש אויפרודערען!...

(די באוויירים און באוועגעס קוקען זיך איבער און שמייכלען. אלע פארלאזען די רום און מ'געהט אהיים מיט דער ער־ווארטונג פאר מארגענדיגען טאג, פאר דעם גרויסען מאמענט).

צווייטע סצענע.

(אויף מארגען 10 אוהר פריה אין זעלבען רום. לעווין קומט אריין, טרעפט דייוויד־סאנ'ען ווארטען אומגעדולדיג פאר נייעס פון שלאכטפעלד).

ד י י ו ו י ד ס א ן : נו, וואס הערט זיך?

ל ע ו ו י ן : (קוקט ארויס פון פענ־סטער און שווייגט).

ד י י ו ו י ד ס א ן : וואס איז דער מער? וואס הערט זיך? וואו זיי־נען די סטרייקערס?

ל ע ו ו י ן : גולם וואס דו ביסט, זעהסט ניט אז קיינער איז ניטא? גרוי־סער פארדינער מיינער, א טייערען פלאן האסטו אויסגעארבייט...

ד י י ו ו י ד ס א ן : וויפיל זיינען ארונטער אין סטרייק?

ל ע ו ו י ן : קיינער, אפילו קיין איין ארבייטער...

ד י י ו ו י ד ס א ן : קיינער! ווי קאן דאס זיין? עס איז אוממעגליך!

ל ע ו ו י ן : זיי האבען אונז אויס־געלאכט... שיער ניט געלינטשט... אזא דומהייט געטוען... ווער האט דאס דיר געגעבען אזא פלאן?

ד י י ו ו י ד ס א ן : וועמען ארט דאס? איך פאהר גלייך אוועק איבער'ן לאנד קלייבען געלט... מארגען מוז זיין אין „פרייהייט", אז אלע ארבייטער, ווי איינער, זיינען ארונטער אין סטרייק... דאס מוז געטאן ווערען... עס מוז געטאן ווערען...

(עס קומען אריין זעף און גלאסמאן).

ז ע ף (צו דייווידסאנען) : נו, פי־לאזאף, וואס זאגסטו אויף דיינע פלע־נער? מען לאכט דאך פון אונז אין די הויפענס. טאמער האבען מיר נאך גע־האט עטלאכע סימפאטייזערס צווישען די קלאוק מאכער, האבען מיר זיי יעצט אויך פארלארען... אזא אידיאטסטווא!

ג ל א ס מ א ן (צו זעף'ן) : זעף! דו פאקסט איין? איך זעה אז מיר הא־בען פארלארען, און וואס שנעלער מיר וועלען דאס איינזעהן אלץ בעסער אפ וועלען מיר זיין.

(געהען אוועק מיט זויערע פנים'ער).

דזשאינט באארד דעלעגאטען וועלען העלפען ערוועהלען דזשאדזש פענקין

(שלום פון זייט 1)

לונג.

די דעלעגאטען וועלען זיין אין די דיסטריקטען, וועלען קענוועסען און אגי־טירען.

דזשענעראל מענעדזשער האכמאן וועט זיך אפגעבען איבעראל מיט רע־דעס וואו נאר עס וועט נויטיג זיין און מיט דער הילף פון אלע יוניאנס וואס האבען זיך ארייגעווארפען אין דעם קאמפיין, איז מען זיכער, אז פענקין וועט ווידער זיצען אויפ'ן ריכטער שטול, און גערעכטיגקייט צו די ארימע וועט ווידער אויסגעטיילט ווערען אין יענעם דיסטריקט וואו פענקין וועט דער ריכ־טער זיין.

Camel

דער סיגארעט וואס מאכט דאס רויכערען פאר אן אמת'ען פארגעניגען

איהר קענט רויכערען קעמעלס דעם גאנצען טאג כסדר, אהן אן אנדער געדאנק ווי דעם, אז יעדער פארשאפט אייך הנאה און ערפרישונג. דאס איז די מעלה פון אויסערוועהלטע טאבאק־סארטען און געשיקטער מישונג.

© 1927, R. J. Reynolds Tobacco Company, Winston-Salem, N. C.

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז, ו.)
אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן

Vol. IX. No. 44. | New York, Friday, November 4, 1927 | פרייטאג, 4טער נאוועמבער, 1927 | PRICE 3 CENTS

קלאוק פירמעס וואס פארלעצען דעם אגרימענט וועלען איצט שווער באשטראפט ווערען, ווארנט אינגערסאל

די מאיאריטעט מיטגלידער פון די 3 באסעס אסאסיאיישאנס פאלגען אויס דעם אגרימענט — טשערמאן אינגערסאל אטאקירט באלעבאטים וואס שיקען זייער ארבייט ארויס צו ניט יוניאן קאנטראקטארס. — יוניאן באדינגונגען זיינען ניט קיין לאסט אויף עהרליכע מאנופעקטשורערס, בלויז א פליכט צו דער אינדוסטריע.

ריימאנד וו. אינגערסאל, דער אומפארטייאישער טשערמאן פון דער קלאוק אינדוסטריע, האט ארויסגעגעבען א ווארנונג צו די דזשאבערס און מאנופעקטשורערס, וועלכע פארלעצען דעם אגרימענט. אזעלכע פירמעס וועלען פון נאך נעקסטע וואך אן באשטראפט ווערען, אויב זיי וועלען ניט נאכקומען פינקטליך די פונקטען פון'ם אגרימענט.

דיזען סטייטמענט, וואס עס ענטהאלט אזא ווארנונג, האט אינגערסאל ארויסגעגעבען לעצטען פרייטאג, אויסהערענדיג א באריכט פון דער קאמיטע פון ביידע צדדים, פון די באלעבאטים און די ארבייטער, וואס האט זיך געגרינדעט מיט דעם צוועק צו אונטערזוכען אלע קלאגען, וואס זיינען געמאכט געווארען פון דער יוניאן געגען די באלעבאטים, וואס שיקען ארויס ארבייט צו ניט יוניאן קאנטראקטארס.

אינגערסאל'ס סטייטמענט ענטהאלט אויך אן ערמוטיגענדען באריכט פון פארטשריט, וואס איז געמאכט געווארען אין דער אינדוסטריע זינט די לעצטע צייט, און עס ווערט אויך ניט פארפעלט אין'ם סטייטמענט צו דערמאנען דעם פאקט פון די מאסען שעפער וואס זיינען די לעצטע צייט יוניאניזירט געווארען.

דיזע וואך איז ווידער אפגעהאלטען געווארען א מיטינג פון דער דזשאינט קאמיטע אין אפיס פון'ם אומפארטייאישען טשערמאן און עס איז אויף דעם מיטינג פונקט ווי אויף דעם לעצטען מיטינג דיסקוטירט געווארען וועגען די מאנופעקטשורערס, וואס ווייזען ארויס אומפאראנטווארטליכקייט און פארלעצען דעם אגרימענט. מר. אינגערסאל האט אויך ביי דעם מיטינג געלויבט דעם טשיף אקאונטענט, מר. וואולף, וועלכער איז דער פארשטעהער פון'ם אומפארטייאישען טשערמאן, פאר דעם פאריזיטינגען באריכט, וואס ער האט געבראכט אונטערזוכענדיג די ביכער. עס איז דורך דער קורצער צייט פאר דעם סיזאן אונטערזוכט געווארען די ביכער פון 132 מאנופעקטשורערס, 100 דזשאבערס און 78 סאב־מאנופעקטשורערס.

אויסער דעם, האט דער גאנצער סטאף אפיסערס פון אלע דעפארטמענטס און פון אלע צדדים, געארבייט צוזאמען אויף פארשידענע קאמפליינטס וואס זיינען געמאכט געווארען פון דער יוניאן געגען באלעבאטים פאר ניט אויספאלגען דעם אגרימענט.

די אינוועסטיגיישאן, וואס איז דורך

(שלוס אויף זייט 2)

לאק. 62 רופט וויכטיגען מעמבער מיטינג

נעקסטען דאנערשטאג, גלייך נאך דער ארבייט.

די ווהייט גודס ווארקערס יוניאן לאקאל 62 רופט צו זעהר א וויכטיגען מעמבער מיטינג פאר דאנערשטאג, דעם 10טען נאוועמבער, גלייך נאך דער ארבייט, אין בעטהאווען האל, 210 איסט 5טע סטריט.

ביי דיזען מיטינג וועט דער מענעדזשער, ברודער סניידער, אפגעבען א באריכט וועגען דעם צושטאנד אין טרייד. עס איז פאראן זעהר פיעל וועגען דיזער פראגע צו ריידען, ווייל דיזער טרייד, וועלכער איז באקאנט אלס דער ווהייט גודס טרייד, האט זיך אויף אזוי פיל געענדערט, אז די יוניאן איז געצוואונגען! וועגען דער לאגע ערנסטע צו פארטראכטען און אננעמען מיטלען צו פארזיכערען די ארבייטס־באדינגונגען וואס די יוניאן האט מיט אזוי פיל מיה איינגעשטעלט.

עס וועט ביי דיזען מיטינג אויך דיסקוטירט און באשטימט ווערען די רעקאמענדאציע פון דער לעצטער קאנווענשאן וועגען פראפארציאנעלער רעפרעזענטאציע. א קאמיטע פון דער גענעראל עקזעקוטיוו באארד וועט אנוועזענד זיין ביי דיזען מיטינג און וועט ארויסהעלפען אין דיזער פראגע. עס וועט אויך געשטימט ווערען פאר דער שטאדט, וואו די נעקסטע קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל זאל געהאלטען ווערען.

די יוניאן מאכט אויך אויפמערקזאם, אז דינסטאג, דעם 8טען נאוועמבער איז עלעקשאן טאג. לויט דעם אגרימענט מיט די באלעבאטים טאר קיינער אין די שעפער ניט ארבייטען, ווייל עס איז אייגער פון די לינעל יום טובים. אלע וואכען־ארבייטער מוזען פאר דיזען טאג קריגען באצאהלט.

לאק. 41 הערט אויס שטוינענדען באריכט און בלייבט טריי דער אינטערנעשאנאל

קאמוניסטען האבען אוועקגעגעבען דעם לאקאל'ס געלדער צו דעם קריגס־שונא פון דער אינטערנעשאנאל. — דעפאזיטען די געלד אויף אינדיווידועלע פערזאנען אחן דעם וויסען פון די מעמבערס. — פראוויזארישע עקזעקוטיוו קאמיטע ערוועהלט אנצוגעהן מיט די לאקאל ביזנעס. — ערוועהלטע קאמיטע וועט גלייך צוטרעטען צו פארהאנדלונגען מיט די באלעבאטים. — רעדזשיסטריישאן פון מעמבערס וועט אנגעהן. — קאמוניסטען סטראשען און די מיטגלידער לאכען זיך אויס פון זיי.

ענדליך איז באשערט דעם קאמוניסטישען געזינדעל צו זיין ווידער מעטיג אין די גאסען מיט זייערע צדקה־פושקעס. אזוי ווי א פראש גלייכט נאר צו לעבען אין בלאטע, אזוי קאנען זיי ניט לעבען אהן דער צדקה־פושקע. האט זיי דעריבער דער רבונו של עולם אונטערגערוקט א מעשה פון לאקאל 41, און זיי שרייען איצט ווידער געוואלדען: „אידען, רחמנים בני רחמנים, ראטעוועט אונז פון די אינטערנעשאנאל גזלנים, וועלכע האבען אונזער לאקאל פלוצלונג רעארגאניזירט אהן א פארוואס". לאמיר זשע טאקע דערצעהלען דעם עולם ווי אזוי די געשיכטע האט פאסירט, און זיי וועלען אליין איינזעהן, וואס פאר א רוצחים די אינטערנעשאנאל באמטע זיינען.

לאקאל 41 איז געבענשט געווארען די לעצטע צייט מיט קאמוניסטישע באאמטע, האבען זיי אנשטאט צו אטענדען צו יוניאן ביזנעס, זיך בעסער אפגעגעבען צו קאמוניסטישע שמד־שטיק. האבען ניט געוואלט באצאהלען די אינטערנעשאנעל דעם אסעסמענט, וואס די באסטאנער קאנווענשאן האט באשטימט, ניט געוואלט צאלען קיין פער־קאפיטא טעקס. די לאקאל פיהרערס האבען געשטיצט מיט הונדערטער דאלארס פון'ם לאקאל'ס געלט די קאמוניסטישע חברים, וואס זיינען אויסגעשלאסען געווארען פון דער אינטערנעשאנעל, און האבען אנגעפירט א פארצווייפעלטען קריג געגען דער אינטערנעשאנעל; האבען דערצו נאך גענומען די אפגעשפארטע לאקאל געלדער

(שלוס אויף זייט 11)

ערפאלגרייכער דיוס־קאמפיין באווייזט די יוניאן איז ווידער א פעסטע מאכט

שעפער ברענגען פרייוויליג זייערע דיוס אין דזשאינט באארד און אין די לאקאלע אפיסעס. — ארבייטער ווייזען ארויס גרויס צוטרויען צו די בעאמטע. — ביזנעס אייזשענטס טוען פלייסיג די ארבייט. — יעדער מיטגליד וואס פארלאנגט זיין רעכט אין דער יוניאן מוז וויסען זיין פליכט.

אויב אימיצער האט נאך געצווייפעלט, אז דאס ליארמען און שרייען פון די חברה, וועלכע האבען רואינירט די אינטערנעשאנאל און מבזה געווען די ארבייטער באוועגונג, האבען קיין איינפלוס אויף די ארבייטער, — האבען דורך די צוויי וואכען, וואס דער דיוס־קאמפיין געהט אן, אונטער דער אויפזיכט פון וויס פרעזידענט דובינסקי, זיך פאלשטענדיג איבערצייגט, אז זייער צווייפלען איז בלויז פון א נאאיווען ווערט און האט ניט קיין ממשות.

דאס אפרופען זיך פון די מעמבערס אויף דעם קאמפיין צייגט, אז דער ווילדער און בלינדער כח פון פארצווייפלונג פארשווינדט ביי די יוניאן־מיטגלידער. די קלאוק און דרעס מאכער וועלען ווידער ווערען באוואוסט אלס אן ארגאניזירטע און דיסציפלינירטע ארמעע. די יוניאן וועט ווידער ווערען א פעסטע איינגעפונדעוועטע מאכט און עס וועט ניט זיין קיין דעמאגאגישע מאכט וועלכע וועט זיך קאנען נעגענשטעלען און איהר נאך אמאל אנטאן אזא שאדען ווי די אזוי גערופענע קאמוניסטישע חברה האבען איהר אנגעטאן.

דער דיוס קאמפיין צייגט ארויס גוטע רעזולטאטען. שאפ נאך שאפ קומט צו געהן פרייוויליג אין דער דזשאינט באארד און אין די לאקאלע אפיסעס און באצאהלען זייערע שולדען, און אריבער 20 טויזענט דאלאר איז אריינגעקומען אין די ערשטע צוויי וואכען צייט. דאס איז א העכסט וויכטיגע און ערפרעהענדע דערשיינונג.

די ביזנעס אייזשענטס אין זייערע באריכטען דערקלערען טאקע, דאס די צייט האט זיך געוואלדיג געביטען. ניט

(שלוס אויף זייט 12)

סטרייק ביי קליפשטיין און אין אנדערע שעפער ווערען אנגעפירט מיט ערפאלג

ארגאניזאציאנס קאמיטע ווידער טעטיג. — 8 שעפער וואס מ'האט אפגעסטאפט לעצטע וואך האבען געסעטעלט מיט דער יוניאן אויף יוניאן באדינגונגען. — קאמיטע וועט פארטזעצען די ארבייט אזוי לאנג ווי עס וועט נאר זיין אביסעל ארבייט אין די שעפער — גרעסטע שעפער גרייטען זיך שוין צום ספרינג סיזאן, זאגט ברודער האכמאן, דזשענעראל מענעדזשער פון דזשאינט באארד.

דער סטרייק וואס די דזשאינט באורד פיהרט אן געגען דער קליפשטיין פירמע און אנדערע פאר די לעצטע פאר וואכען שטעהט זעהר גוט. די סטרייקערס זיינען איבערצייגט, אז די סטרייק־ארבייט וועט געקרוינט ווערען מיט ערפאלג.

די פירמע איז צונעדריקט פון אלע זייטען. ווי נאר עס ווערט געמאכט אין דער יוניאן א קאמפליינט, אז די פירמע שיקט ארויס ערגעץ אין א געוויסען ווינקעל ארבייט, ווי נאר עס איז דא א פארדאכט, אז מען מאכט זאגאר קליפשטיין'ס א סעמפעל, ווערט דער שאפ גלייך אפגעסטאפט פון דער ארבייט.

אזא פאל האט פאסירט ביי וועקסעל בראדערס, א שאפ פון 40 לייטע. עס איז געווען א פארדאכט, אז אין דעם שאפ ווערט געמאכט קליפשטיין'ס ארבייט. דער שאפ איז גלייך אפגעסטאפט געווארען. ערשט אין א טאג ארום, ווען אן אונטערזוכונג איז געמאכט געווארען און

(שלוס אויף זייט 11)

אינהאלט פארצייכניס

„גערעכטיגקייט", נומער 44.

זייט 2. ביים דזשאינט באארד — ב. מאזער.
זייט 3. א בריוו וועגען „בייעס בלאף" — עין רואה. בריוו פון וועג — פ. דעמביטצער.
זייט 4. א שיקאגא'ר פיידוש — מ. ביאליס, א. לעווין.
זייט 5. די אומנאטירליכע לאגע אין דער קלאוק אינדוסטריע (ערשטער ארטיקעל) — מאריס זיגמאן.
זייט 6. עדיטאריעלס.
זייט 7. מען רעדט... — ח. לאנג. אדמירילען (פעליעטאן) — ז. וויהילער.
זייט 8. דאס פראבלעם פון גרויסען שאפ (שלוס ארטיקעל) — פ. קורינסקי.
זייט 9. אין דער פרעמד (ערצעהלונג) — תלוש. דער וויכטיגסטער פראבלעם פון א טריידיוניאן באוועגונג — פאניא מ. כהן.
זייט 10, 11 און 12. שלוסען, נייעס, א.ז.וו.

דיוס קאמפיין ערפאלגרייך און באווייזט צוטרויען פון די מעמבערס צו דער ארגאניזאציע

(שלוס פון זייט 1)

ערקלערט אז דורך די ערשטע וואך פונ'ם קאמפיין איז געמאכט געווארען פיל פראגרעס אהן שוועריגקייטען. דאס צייגט אז דער צוטרויען צו אונזער ארגא־ניזאציע ווערט שטארקער פון טאג צו טאג. און מיט דעם שטארקט זיך אויך דער צוטרויען פון די פיהרערס צו די מיט־גלידער, מען זעהט איין אז די ארגאניזא־ציע, די יוניאן ווערט ווידער די שטערען פון האפנונג ביי די מיטגלידער. און איצט, אזוי לאנג ווי דער צוטרויען צו דער ארגא־ניזאציע וואקסט און ווערט שטארקער פון טאג צו טאג; אזוי לאנג ווי מיר באקומען צוריק דעם כח פון איבערצייגונג אין דער יוניאן ווערט די לאגע רייף פאר מיכטיגער ארבייט און מיר וועלען אנהויבען צייגען אז די ארגאניזאציע איז ווידער גרויס און שטארק פאר דער אויפגאבע.

ווילען מיר טאקע פארענדיגען דיזע באריכט נאך אמאל מיט אן אויפרוף צו די מעהר שוואך דענקענדע מיטגלידער, אז זיי זאלען ניט פארגעסען אז די קומענדע וואך וועט ערשט דער דיוס קאמפיין ווע־רען פארטגעזעצט מיט מעהר ברען און אימפעט. דער שוואך דענקענדער מיט־גלידער פונקט ווי דער שטענדיג דענקענ־דער און גוט מיינענדער מיטגל[illegible] וויסען אז די יוניאן מוז אנגרייטען ארגא־ניזאציאנס מיטלען צו באגעגענען די לאגע. די יוניאן וועט מוזען צום נעקסטען סיזאן פארטזעצען דעם ארגאניזאציאנס קאמף ביי די קלאוק טרייד.

די יוניאן וועט מוזען אנפיהרען אן אינטענסיווע שטארקען ארגאניזאציאנס קאמפיין ביי די דרעסעס. דאס איז געווען דער באשלוס פון דער עקזעקוטיווע באארד און דער באשלוס וועט מוזען דורכגעפירט ווערען. צו דעם אלעם מוז א יוניאן האבען מיטלען. און די הויפט מיטלען אין א יוניאן איז דיוס.

קיין אנדערער וועט אין דער יוניאן ניט איינגעלאדען ווערען צו שאפען די מיטלען ווי נאר די מעמבערס. זיי, די מעמבערס, בעת זיי טרעטען אריין פריי־וויליג אין דער יוניאן נעמען אויף זיך די פליכטען פון אויפצוהאלטען די ארגא־ניזאציע דורך דיוס און טעקסעס. אזא זאך ווי טעקסעס איז דערוויל ביי אונז אין דער יוניאן ניט פאראן. די שולדען פון די מעמבערס איז דאריבער זעהר לייכטע. און איצט דורך דעם מאנאט נאוועמבער וועט מוזען דער מעמ־בער ערפילען זיין פליכט און ווערען גוט־שטעהענד אין דער יוניאן. די ביזנעס אייידזשענטס וועלען באזוכען יעדען שאפ, וועלען איבערקוקען יעדען ביכעל, און יע־דער בלאהער ביכעל וועט מוזען געביטען ווערען. אין קורצען, יעדער מעמבער וועט אין די קומענדע פאר וואכען, פונקט ווי אין דער ערשטער וואך, מוזען ענטפערען אויף דעם רוף פון דער יוניאן, ער וועט מוזען ווערען א גוט שטעהענדער מעמבער.

פארצווייפעלטער קאמף פון קאמוניסטישע סקעבס אין שיקאגא געבראכען

(שלוס פון זייט 1)

האט איהם דערקלערט אז ער קאן זיך זיין א קאמוניסט, אבער די יוניאן מוז ער אויפהאלטען, און מען קאן מיט איהם ניט מאכען קיין אויסנאהם אזוי לאנג ווי ער ארבייט אין א יוניאן שאפ. ער האט זיך אנטזאגט אויסצופאלגען דיזע עצות. האט מען איהם געשיקט א רעדזשיסטריר־טען בריעף, און פילע מאל געווארענט. ער האט זיך אבער ניט געמאכט ווי־סענדיג.

די יוניאן האט דאן מודיע געווען דעם באלעבאס, אז ער האט אן אגרימענט מיט דער יוניאן, אז נאר איהרע מיטגלידער קאנען ארבייטען אין זיין שאפ, דעריבער זאל ער דעם ניט־יוניאן־מאן אנטזאגען. עס איז אזוי געטאן געווארען. די אזוי גערופענע קאמוניסטען האבען זיך דאן געווענדעט צום באס, ממש געפאלען צו זיינע פיס, בעטענדיג מ'זאל דעם מאן ניט אנטזאגען. מר. קירשבוים, דער בא־לעבאס, האט געענטפערט, אז די באלע־באטים קאנען זיך מעהר גישט נאריש מאכען מיט א סקעב־יוניאן, און דעריבער מוז ער נאר באשעפטיגען גוטשטעהענדע מיטגלידער פון דער קלאוקמאכער יוניאן.

די קאמוניסטישע געזינדעל האט באלד געמאכט א ויצעסו, אז דארטען איז א סטרייק, כדי צו קאנען קלאפען אין זייערע צדקה תציל ממות פושקעס. פון זייערע שמד־שטיק מאנעווערס האט זיך אויסגעלאזען א בוידעם, ווייל דער עולם איז שוין באקאנט מיט אלע זייערע קונצען. דער פאקט איז, אז אין קירש־בוים'ס שאפ זיינען אלע געבליבען ביי דער ארבייט, מיט דער אויסנאמע פון א פאר פון זייערע פאנאטישע אנהענגערס.

אן אינטערעסאנטער אינצידענט איז געווען, נאכדעם ווי די לינקע לעצטע פעסטונג איז אריינגעפאלען אין די הענט פון דער אינטערנעשאנעל, האט זיך אנ־געהויבען א רעוואלט צווישען דעם ביסעל אנהענגער, וואס די קאמוניסטען האבען געהאט. די עטלאכע סימפאטייזערס זייערע האבען פון'ם אנהויב געמיינט, אז די לינקע יוניאן האט נאך עפעס צו זאגען און האבען איהר דעריבער געצאהלט דיוס. אבער נאכדעם ווי זיי האבען געזעהן דעם באנקראט פון די אזוי גע־רופענע לינקע, זיינען זיי אוועק אין דער סקעב יוניאן און פארלאנגט צוריק זייערע דיוס.

דערוויל האבען זיך די מעמבערס דערוואוסט פון נאך א קאמוניסטישען שווינדעל. זיי האבען אויסגעפונען, אז ביים נעמען די דיוס, לייגען די קאמוניס־טישע געוועזענע טשיפס ניט ארויף קיין סטעמפס אויף די אלטע ביכלאך זייערע, און אז א קלאוקמאכער האט באצאהלט דיוס האבען זיי איהם געגעבען א נייעם ביכעל. און אויף דעם נייעם ביכעל האבען זיי ארויפגעלייגט א מארקע פון 5 סענט, און די סומע וואס דער בא־טרעפענדער מעמבער האט זיי געגעבען אויפ'ן אלטען ביכעל, האבען זיי צוגע־נומען און האבען קיין סטעמפ ניט געגע־בען דערפאר.

פון דער שמד־שטיק זיינען די קלאוק־מאכער געוואר געווארען פונקט ווי זיי האבען זיך ערקונדיגט פון אלע היפאקרי־טישע און שווינדלערישע שטיקלאך זייע־רע, און דער סוף וועט זיין, אז די חברה וועלען זיך מוזען אפטראגען פון די אר־בייטער רייען, מען זאל אפילו ניט ווי־סען וואו זייער געביין איז.

מאריס פאלין ערוועהלט מענעדזשער פון פילאדעלפיער דרעסמייקער, לאקאל 50

(שלוס פון זייט 1)

ניאן. אין דעם אויבענדערמאנטען פאסקוויל שטעלען זיי אויך ארויס א לאזונג פון א ניט־אימפארטירטען מע־נעדזשער, וועלכער זאל אנגעשטעלט ווע־רען מיט דעם צוטרויען פון דער מעהר־הייט מיטגלידער. וועל, צופעליג, איז זייער לאזונג דורכגעפיהרט געווארען. ברודער פאלין איז ניט קיין אימפארטיר־טער און זיין אנשטעלונג איז גוטגעהיי־סען געווארען פון דער גרויסער מאיאָרי־טעט מיטגלידער, וועלכע זיינען אנוועזענד געווען ביי דעם ספעשעל מיטינג, וואס איז געוועזען איינער פ[illegible] שענסטע און אינטערעסאנטסטע מיטינגען.

אין דער צייט וואס די אקטיווע מעמ־בערס פון דער יוניאן האבען מיט באַ־גייסטערונג גערעדט וועגען זייער איבער־געבענהייט און גרייטקייט צו טאן ארגא־ניזאציאנס־ארבייט, האבען די צו הייסע "פריינד" די לינקע, ווידער געווארפען אינסינואציעס און פארלוימדונגען נעגען יעדען ארענטליכען יוניאן מעמבער. זייער האלטונג איז אבער געוועזען אזוי לעכערליך, אז זיי האבען אליין געפיהלט ווי אומגעלומפערט עס זיינען זייערע אלע ארגומענטען. די אנשטעלונג פון ברודער פאלין און דער באגייסטערטער מיטינג האט אינגאנצען צוטומעלט די „לינקע" קליקע אין אונזער־יוניאן. דער בעסטער באווייז פאר זייער לעכערליכער לאגע איז דער פאקט, וואס זייער זידעל־בלאט האט געדארפט ווארטען גאנצע פיער טאג אום אויסצוטראכטען עפעס וואס צו שרייבען וועגען דעם מיטינג, און ענדליך, ווען זיי האבען זיך שוין אנגע־נומען מיט מוט, איז ארויסגעקומען אזא קוואטש, אז זייערע אייגענע אונטער־שטופער שעמען זיך מיט דעם. אלע אקטיווע מוער פון דער עקזעקוטיווע באארד און פון די קאטערס און פרע־סערס ברענטשעס האבען אויסגעדריקט זייער צופרידענהייט מיט דער אנשטע־לונג פון ברודער פאלין, און זיך פאר־פליכטעט צו ארבייטען מיט דער גרעס־טער איבערגעבענקייט פאר דער פאר־גרעסערונג און פארשטארקונג פון אונזער יוניאן.

דעבס ראדיא סטיישאן ערעפענט מיט א פראכטפולע פראגראם אין אינטערנעשאנאל בילדינג

די ראדיא סטאנציע איז געווידמעט דעם אנדענקען פונ'ם אונשטערבליכען סאציאליסט און וועט דינען פאר טרייד־יוניאניסטישע פראפאגאנדא און אלגעמיינע אויפקלערונגס ארבייט. — ברודער פון דעבס אנוועזענד ווען צערעמאניע ווערט דורכגעפיהרט. — מאריס הילקוויט, נארמאן טאמאס, דזש. ה. האלמס, ארטור גארפילד הייס צווישען די רעדנער.

ווי עס איז שוין באריכטעט געווארען אין דער „גערעכטיגקייט", האט די אינ־טערנעשאנאל אוועקגעגעבען א גאנצען פלאר פון איהר בילדינג פאר יודזשין וו. דעבס ראדיא סטיישאן.

די ראדיא סטאנציע איז געעפענט גע־ווארען פונקט צום יאהר צייט פונ'ם פאר־שטארבענעם סאציאליסטישען קעמפער און מארטירער. די ערעפענונג איז גע־מאכט געווארען דורך א קאנצערט און רע־דעס אין וועלכע עס איז געשילדערט גע־ווארען דאס לעבען און קאמף פון אונזער פארשטארבענעם ברודער און פיהרער.

דער לעצטער [illegible] אווענט איז געווען אן אווענט, ווען מענשען האבען זיך פארזאמעלט און האבען ווידער דערמאנט די טעטיגקייט פון דער ליכטיגער פער־זענליכקייט, וועלכער האט מיט זיין שטימע גערופען און געוועקט די ארביי־טער צום קאמף פאר א שעהנערע און בע־סערע געזעלשאפט, פאר א וועלט מיט מעהר זונען שיין און פרייהייט.

דער פרייהייטס קעמפער וו. דעבס ביי וועלכען קאמף איז געווען ליבער ווי דאס לעבען און האט באצאהלט מיט זיין פריי־הייט צוליב זיין גלויבען אין דעם אויפבוי פון א שעהנער מענשליכער געזעלשאפט; דער פרייהייטס קעמפער וואס קיינער האט ניט געקאנט אפשוואכען זיין מוטה [illegible]

צווישען די אונטערדריקטע מאסען — ער וועט איצט ווידער ריידען צו די זעלבע מאסען און פרייע פונקען וועלען ווידער אנגעצונדען ווערען אין הונדערטע טויזענ־טער מענשליכע הערצער.

די ערעפענונג איז פארגעקומען לויט'ן פאלגענדען סדר: דזשיימס א. פיליפס האט געזונגען הענלי'ס „אינוויקטוס", א באליבט ליד פונ'ם פארשטארבענעם פיהרער. דזש. ה. האלמס האט גערעדט וועגען דער ראדיא סטאנציע צו דעבס' אנדענק און מאריס הילקוויט האט זיך אפגעשטעלט וועגען דעבס'עס גרויסער ראלע אין דער סאציאליסטישער בא־וועגונג.

נארמאן טאמאס האט גערעדט וועגען דעם ערציהונגס ווערט פון דער ראדיא סטאנציע און נאך איהם האט גענומען דאס ווארט ארטור גארפילד הייס.

טעאדאר דעבס, דעם פארשטארבענעם פיהרערס א ברודער, האט גערעדט וועגען דעם גרויסען ווערט פון דער ראדיא סטאנציע אויפצוקלערען די ארבייטער אין צייט פון קאמף און צו אגיטירען פאר די אידייען פון זיין ברודער, וועלכער איז געווען דער סימבאל פון סאציאליזם דא אין לאנד.

די ראדיא סטאנציע „דאבעליו יו. וו. ד." וועט יעדען אווענט בראדקעסטען א פרישען פראגראם וואס וועט זיין זעהר אינטערעסאנט אין אלע אופנים.

ווען א גוטער קוכער געברויכט גוטע שטאפען האט איהר א רעכט צו ערווארטען א פיינעם דינער . . . א דינער וואס וועט זיין אנדערש פון די וועלכע איהר רופט געוועהנליכע.

דער גרעסטער מאנופעקטשורער פון פיינע סיגארעטען האט צונויפגעמישט די אויסערוועהלטעסטע טאבאק־סאר־טען און געמאכט פון זיי מיוראד. אראמאט . . . געשמאק . . . און טעם אלעס איז פעראייניגט צו מאכען פון מיוראד . . . א סיגארעט וואס איז דער בעסטער וועלכען איהר קענט געניסען.

MURAD



דער אויסערגעוועהנליכער סיגארעט פאר דעם אויסער־געוועהנליכען מאן, וועל־כער פיהלט דאס ער איז בארעכטיגט צו בעסערע זאכען אין לעבען.